ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# דברי חיים

אידיש

**625**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

ספר

# דברי חיים

אין דיזען ספר ווערט ערציילט די ווינדערליכע
זאכען וואס עס האט זיך פאסירט פון זיין
יונגענד אן ביז זיין פטירה ביי דעם גרויסען גאון
וקדוש הרבי רבי חיים האלבערשטאם מצאנז :

פערלאג פון ר' אברהם כהנא סקלאד ספרים אין ווארשא
נאלעווקי 39

ווארשא

שנת תר"צ לפ"ק

# דברי חיים

## אווּנדערליכע ערצעהלונג פון הייליגען צאנזער ר״ב הגאון הקדוש ר׳ חיים האלבערשטאם זכרונו לברכה:

דער הייליגער גאון און צדיק רבי חיים צאנזער זכרונו לברכה. אחוץ זיין בעוואָסט גאונית אין גרויסע התמדה אין לערנען איז ער אויך געוועזען אגרויסער בעל מעשים טובים אין ער האָט מיט מסירת נפש געזאָרגט פאַר א יוד פון דער פריא ביז נאַכט האָט ער געהאַלטען און איין צדקה געבען ער האָט איינמאָהל געזאָגט איהר ווייסט פערוואָס איך האָב ליב אָרימע לייט ווייל השי״ת האָט זייא ליב אזוי וויא עס שטייט אין פסוק ואוהב אביון לתת לו לחם ושמלה דער רבונו של עולם האָט ליעב דעם אָרימאַן דאָס מען זאָל איהם געבען ברויט מיט קליידונג. דער הייליגע צאַנזער האָט דאָס מקיים געוועזען און פולען זונן פון וואָרט עס האָט בייא איהם נישט געטאָרט נעכטיגען קיין געלט נאָר ער האָט באַלד אַוועק גיגעבען אָרימע לייט:

איינמאָהל איז ער שלאָף געוואָרען דינסטאָג בייטאָג אין ער האָט בעמוזט זיך לייגען און בעט אריין האָט ער געזאָגט דאָס דער משמש ר׳ רפאל זאָל בייא איהם נעכטיגען ר׳ רפאל איז באַלד אריין געגאַנגען אין ער איז אויף גיוועזען דינסטאָג ביינאַכט און אזוי אויך מיטוואָך און דאָנערשטאָג. פרייטאָג און דער פריא האָט זיך דער רבי אויפגעהויבען. און איז געגאַנגען אין מקוה אריין אין דערנאָך איז ער געגאַנגען און בית מדרש אריין דאַווינען. דער עולם האָט געמיינט אז עס איז דעם רבי׳ן שוין בעסער. אין מען האָט צוגעגרייט שבת א טיש. דער רבי איז טאַקע פרייטאָג צונאַכטס אויך אריין געקומען און בית מדרש און געדאַוונט מיטן עולם דערנאָך איז ער געגאַנגען צים טיש און גיגעסען גלייך אַלע מאָהל וויא ער וואָלט גיוועזען פאָלקאָם געזונט. און נאָכן בענטשען איז דער עולם אריין געגאַנגען מיט רבי׳ן אין זיין שלאָף חדר. ווייל עס איז דאָרט גיוועזען א מנהג דאָס דער רבי האָט נאָכן טיש געטיילט דעם עולם שבת אויבס. און דערבייא דערציילט פון זיינע רבים גוטע ווערטער אין מדות טובות. אין דער עולם האָט

גאָר

גאָר נישט ביקלעֶרט אַז דעֶר רבי איז גאָר צוליעב שבת ער זאָל דעם עולם נישט ברעֶנגעֶן צו קיין עגמת נפש שטאַרקט עֶר זיך אָבער. דיא שרעקליכע יסורים וועלכע ער ליידט זענען מיט גאָרנישט קלענעֶר געוואָרען. דער רבי אַליין וועֶלכעֶר האָט געוואָסט זיין לאַגע האָט געזאָגט צו דעם משמש ר׳ רפאל. רפאל! ווער וועט דיא נאַכט בייא מיר אויפזיין. האָט דער משמש ר׳ רפאל גיעֶנטפעֶרט אויב דער רבי וויל וועל איך דיא נאַכט אַויך אויפזיין. האָט דער רבי געֶזאָגט דיא ביסט דאָך שוין פיעֶר נעכט אויפגיוועֶזען דרובער זאָלסטו זעהן אויף היינט בייא נאַכט אַצווייטען ווייל עֶס איז דאָך שבת ווערסטו אהיים גייעֶן זיך אַביסעל אויסרוהען. דער רבי איז אָבער גיוועֶזען זייעֶר שוואַך און ער האָט קוים גיקעֶנט רײדען האָט מען עֶר מעהרסטענטייל זיך באַנוצט מיט ווינקעֶן אין דרובעֶר האָט געמוזט איבער לאָזעֶן בייא איהם אַזוי אַמעֶנטש וועלכער זאָל זיך קענען אויף זיינעֶ ווינקען. איז דער משמש ר׳ רפאל אַרויס געגאַנגעֶן אין בית מדרש אַריין אַכטונג געבען צו עס געפינט זיך צווישען דעם עולם וועלכער מענטש וואָס ער איז בעֶקאַנט מיט דעם רבינס ווינק. אָבעֶר ליידער האָט עֶר נישט געֶפונעֶן איז ער צוריק אַריינגעגאַנגען צום רבין אין האָט געזאָגט דאָס ער האָט נישט קיין צווייטעֶן מענטש וועלכעס ער זאָל זיך אויף איהם קענען פאַרלאָזען דרובער וועט ער מוזען אַליין אויפזיין אויך היינט ביינאַכט. דער רבי האָט איהם אָבער נאָך אַמאָהל געֶזאָגט ער זאָל זעהן אַנאַנדערען מענטש אויף זיין אָרט איז ער נאָך אַמאָהל אַריין געגאַנגען אין בית מדרש אַריין אפשר וועט ער דאָך געפינעֶן וועלכעֶן מענטש ער זאָל זיך אויף איהם קענען פער-לאָזעֶן. אָבעֶר ער האָט ווידער נישט געפינעֶן און איז נאָך אַמאָהל אַריינ-געגאַנגען צום רבי׳ן אין געזאָגט דאָס ער געפינט נישט קיין שום מעֶנטש וואָס ער זאָל איהם קעֶנען איבער לאָזען אין ער מוז אַליין דאָה זיין ביים רבי׳ן. דעֶר רבי האָט איהם אָבעֶר אויך צום דריטען מאָהל געזאָגט דאָס ער וועט פערגעווים נישט קענען דיא נאַכט אויפזיין ווייל ער איז שוין עֶטליכעֶ נעכט נישט געשלאָפען. איז ער שוין אַרויס געגאַנגען אין גאַס אַריין אפשר וועט ער דאָרט געפינען וועלכען מעֶנטש. אָבער צוליעב דער שפעטער שעה האָט ער שוין אין דער גאַס קיינעם נישט געטראָפען און ווידעֶר צוריק געקומען צום רבי׳ן מיט דעֶם זעֶלביגען וואָס פריהער אַז ער האָט קיין שום ברירה נישט אין ער מוז דאָה אַליין אויך דיא נאַכט אויפזיין. באין ברירה אין פיהלענדיג זיין גרויס שוואַכקייט האָט דעֶר רבי געמוזט איינשטומען דרויף אין דער משמש ר׳ רפאל איז געבליבען

דיא

דיא נאַכט אויפזיין ביים רבי׳ן. דער עולם איז זיך שוין געהאַט צוגאַנגען אין דער משמש האָט צו׳ געשלאָסען אלע דרויסענדיגע טירען אין אריין געגאַנגען אין רבינס שלאָף חדר אין ;בעקומען דאָס בעט געוואַנט אָנגעוואַרימט ביים אויזוען ווייל עס איז זייער קאַלט גיוועזען אין דער פרי איז ער געזעסען זייער שוואך ער האָט זיך נישט גיקענט רוהרען פון אָרט פאַר שוואַכקייט. אין וויא ר׳ רפאל האָט דאָס בעט געוואַנט אָנגעוואַרעמט און גיבעט דאָס בעט איז ער געגאַנגען זאָגען דעם רבי׳ן אז ער קען זיך שוין לייגען. אָבער דער רבי האָט זיך נישט גיקענט אפילו אויפהייבען פון אָרט. אין דער משמש האָט איהם געמוזט טראָגען און בעט אריין. דיא לעכט זענען שוין געהאַט אויסגעגאַנגען אין דעם שלאָף חדר איז דער משמש ארויסגעגאַנגען אין דיא טיער צו גילעהנט אין ער האָט זיך איינגעאָרדענט אַגילעגער און דער פאָדערשטער שטוב אָבער וויא עס איז אַרובער עטליכע מינוט האָט ער דערהערט האַסטיגע טריט פון רבינס חדר. גוט האָט ער אויפגעפאַסט דיא טריט ווייל עס איז איהם בעוואָסט גיוועזען דעם רבינס שוואַכקייט דאָס ער קען אליין נישט אראָב גיין פון בעט אין אויף אפרעמדען מענטש איז איהם נישט איינגעפאַלען קיין קלער ווייל ער האָט דאָך אליין פערשלאָסען דיא טיער נאָכדעם וויא דער גאַנצער עולם איז אהיים געגאַנגען. דרובער איז איהם אויפאָטלענד געוואָרען דאָס וואָס ער הערט טריט און רבינס חדר. אפשר אַמאָהל האָבען זיך גנבים אריין בעקומען. אין ער איז אראָב געגאַנגען פון גילעגער אכטונג געבען נאָר ווייל עס איז שוין גיוועזען גיט פינסטער האָט ער געמוזט גייען טאַפענדיג:

אבער וויא דער שראָקען איז ער געוואָרען בעמערקענדיג און דער פינסטער אז דיא טריט זענען נישט פון קיין אַנדערען נאָר טאַקע פון רבי׳ן אַליין אין אז ער שטייט שוין אין מיטען חדר מיט אקושען און דערהאַנד. דער משמש ר׳ רפאל האָט גיקלערט דאָס דער רבי וויל דיא קושענס אָנוואַרימען דרובער האָט ער איהם געזאָגט דאָס ער האָט שוין אָנגעוואַרימט דאָס גאַנצע בעט גיוואַנט מען האָט נישט דעם רבי׳ן גיבעט אָבער דער רבי האָט איהם געזאָגט דאָס ער וויל נישט אָנוואַרימען נאָר ער טראָגט פער זיינעט וועגען א קושען ער זאָל דיך אויסבעטען אַגילעגער איז דער משמש שטאַרק דערפון נתפעל געוואָרען אין ער האָט דעם רבי׳ן זייער איבער גיבעטען וואָס ער האָט זיך פון זיינעט וועגען מטריח גיוועזען אין איהם געזאָגט דאָס ער האָט זיך שוין אויסגיבעט אַגילעגער און ער דאַרף נישט דאָס קושען. איז דער רבי שטאַרק אָבגעשוואַכט

געבליבען

געבליבען פון דער אויסרעגונג ווייל ער האָט זיך אָנגעשטרענגט און אראב געגאנגען אליין פון בעט און נאָך דאָס קושען געטראָגען און ער איז ארויפגעפאלען דעם משמש ר׳ רפאל אויף דיא הענד און ער האָט בשום אופן זיך נישט גיקענט צוריק אומקערען אין בעט אריין. נאָר דער משמש האָט איהם געמוזט טראָגען אויף דיא הענד און בעט אריין. פון דעם קענען מיר זעהן דאָס גרויסע מסירת נפש פון דעם הייליגען צאנזער רבין דאָס חאָטשע ער איז אזוי שוואַך גיוועזען דאָס ער האָט זיך קוים געהאלטען אויף דיא פיס איז ער דאָך מיט אלע אָנגעשטרענגטע אין לעצטע כוחות געגאנגען אין פערזאָרגען עס זאָל איהם בעקוועהם זיין צו שלאָפען. זיין זכות זאָל אונז בייא שטיין מיר זאָלען געהאָלפען ווערען מיט אלעם גוטען אין דערלעבען צו רער גאולה שלימה במהרה בימינו אמן:

## אווינדערליכע ערצעהלונג פון דעם צאנזער רב. רבי חיים האלבערשטאם זכרונו לברכה:

וויא בעהאָסט איז דער הייליגער צאנזער רב דער איבעראל בעוואָסטער מיט׳ן נאָמען דברי חיים לויט זיין טיעפזיניג חיבור דברי חיים שאלות ותשובות אין אויך אויף תו״ה. וועלכעס אלע גדולים אכטען עס זייער אין רעכינען זיך דאמיט להלכה. אין דעם ערשטען זיווג גיוועזען דעם לייפניקער גאון אין גרויסער מיוחס וועלכען דיא וועלט האָט גערופען מיט׳ן גוטען נאָמען ברוך טעם דורך זיין גאונישען חיבור ברוך טעם וועלכעס איז פון דיא געציילטע פעריל אין דער לומדישער וועלט אנאיידעם. דער שידוך איז געשלאָסען געוואָרען בייא זייער ווינדערליכע אומשטאנדען וועלכעס מען האָט פון דעם אומעטים גירעדט. אין נעמליך. דער גרויסער גאון ר׳ ברוך תאומים דער לייפניקער רב איז געשטאנען מיט זיין טאָכטער אין דיא גרעסטע מיוחסדיגע אין רבנותדיגע שידוכים. זיין זוהן הגאון רבי יהושע העשיל. איז גיוועזען א סוחר אין ער פלעגט פון זיין וואָהן אָרט קאמורנא פאָהרען איבער דיא קליינע שטעטליך אויף קויפען זיין סחורה. איינמאָהל איז ער געפאָהרען קיין טארניגראָד קויפען סחורה. נאָכדעם וויא ער האָט זיך שוין געהאט איינגעקויפט דיא גאנצע

סחורה

סחורה אין דיא בעלי עגלות האבען נאך נישט געוואלט פארען איז ער דערווייל אריין געגאנגען אין בית המדרש עפּיס לערנען. דארט האט ער געטראפען דער בחור חיים דעם גאון ר' ליבוש האלבערשטאמס זיצען פארטיפט אין לערנען אשווער ענין. דער גאון ר' הערשיל האט זיך פערווינדערט דאס איונגער בחור זאל לערנען אשווערע סוגיא וועלכעס דיא גרעסטע גאונים מיטשען זיך איבער איהר אין ער האט זיך אנידער גיזעצט לעבען איהם כדי צו איבערצייגען זיך צו איז טאקע דער בחור אזוי אלמדן דאס ער קען לערנען אזוי אשווערע סוגיא. אדער ער נארט זיך נאר אב. אין ער ווייסט גאר נישט דיא שווערקייט וואס איז דאה דרונען. וויא ערשטוינט איז ער אבער געווארען הערענדיג דעם אופן לערנען פון דעם בחור דאס אויסעו' זיין גרינטליך פערשטיין דיא עמקות וואס שטעקט אין דער סוגיא האט ער אויפגעטהאן נאך אזעלכע שיינע חריפות'דיגע סברות דאס ער האט דערמיט אראב גענומען דיא שווערסטע קשיות בייא וועלכע דיא וועלטס גאונים האבען זיך געמאטערט. ער איז אזוי איבער רעשט געווארען דערפון דאס ער האט זיך שוין נישט גיקענט איינהאלטען דעם בחור נישט מפסיק צו זיין אין מיטען לערנען. אין ער האט מיט איהם אנגעהויבען צו שמוסען אין דיא אלע שווערע שטעלען פון דער סוגיא אין ער האט איהם גיפרעגט עטליכע קשיות וויא אויך נאך געזאגט איניגע קשיות פון זיין פאטער דעם גרויסען אין בעוואסטען וועלטס גאון דער ברוך טעם. אבער וויא ערשטוינט איז ער געווארען ווען ער האט גיהערט וויא דער בחור חיים האט איהם דיא אלע קשיות פארענטפערט מיט אזוי אגלייכען פערשטאנד דאס יעדען אמת דערקענט דער מענטש. האט ער געמוזט מודה זיין אז אזוי איז דער אמת'ער פשט אין מען קען גאר אנדערשט נישט לערנען אין ער האט זיך געווינדערט אויף זיך אליין וויא אזוי עס איז איהם איינגעפאלען אזוי אפאלשען פשט צו לערנען אין דאדורך איז איהם שווער גיוועזען. אבער נאך מעהר האט ער זיך געווינדערט אויף זיין פאטער וועלכער איז דאך בעוואסט מיט זיין גאונית ווי אזוי ער האט נישט בעמערקט דיא גלייכע געדאנקען וואס אזוי איונגער בחור האט בעמערקט אין דורך דעם גיפרעגט קשיות:

דער גאון ר' הערשיל האט געפרובט צו שמוסען מיט דעם בחור אין אנדערע שווערע סוגיות אין ער האט איינגיזעהן דאס דער בחור איז אבקי אין אלע שווערסטע שטעלען פון ש"ס אין ער ארינטערט זיך מיט אזוי אחריפות'דיגקייט אין דיא פארשידענסטע הארבע קשיות פון דיא וועלטס גאונים זייער ווינדערליך. עס איז פשוט פאר איהם קיין

שווערס

שווערס נישט דאה. ווייל ער ערקלערט אלעס מיט זייער אלאגישען פערשטאנד דאס אפילו דער גרעסטער עקשן מוז איהם מודה זיין אז ער האט ריכט. דאמאלסט האט ער אנגעהויבען צו שמיעסען מיט דעם בחור חסידות אין פארשידענע שטעלען אין אגדתא וועלכעס דיא דרשנים מאטערען זיך אין זייא. אבער אויך דאה האט ער געפינען דאס דער בחור איז מלא וגדוש עס ממש צו עשטוינען וויא אזוי א יונגער בחור זאל האבען אזוי פיעל בקיאות אין אזוי אלויטערען פערשטאנד אין אגדה וויא אין פלפול. וויא אויך אין ספרי מחקר. דער גאון ר׳ הערשיל אב שאצענדיג אז צווישען דיא בעסטע חתנים וועלכע מען רעדט זיין שוועסטער רחל פייגע געפינט זיך נישט דעם בחור׳ס גלייכען אין אלע אונזיכטען פון תורה בילדונג. האט ער בעשלאסען צו שדכנען דעם מערקווירדיגען בחור פאר זיין שוועסטער. נאר אצונד איז איהם אין איין זאך געגאנגען צו איז דער בחור פון אמיוחס׳דיגע משפחה ווייל זיין פאטער וועלכער שטאמט פון גרויסען יחוס וועט נישט טוען קיין שידוך מיט נישט קיין מיוחס. אין דרובער האט ער גיפרעגט דעם בחור ווען ער איז אין דעם יחוס פון זיין פאמיליע. אין וויא ער האט גיהערט דאס זיין פאטער איז דער בעוואסטער למדן אין מיוחס ר׳ לייבוש האלבערשטאם האט ער שוין נישט געצווייפעלט אז זיין פאטער וועט איינגעהן אויף דעם שידוך. אין ער האט זיך אב גיזעגינט מיט דעם בחור זייער פריינדליך אין אזוי ווי ער איז נאר געקומען אויף דער סטאנציע האט ער צום אלעם ערשטען זיך גענומען אב צו שרייבען אבריף קיין לייפניק צו זיין פאטער דעם גאון אין וועלכען ער האט געשילדערט דיא געוואלדיגע מציאה וואס ער האט געפינען אין טארניגראד. געמלאך איונגער בחור וועלכער איז שוין לויט זיין איינזעהן ווערט מען זאל איהם שטעלען אין דער רייהע פון דיא גדולי אין גאוני הדור אין מיט דער צייט וועט ער געוויס אויס וואקסען פאר איינער אין דער וועלט מיט זיין גאונות אין אלע תורה געביטען. אזוי וויא דיא וועלט דערציילט. האט זיין פאטער דער ברוך טעם אויף דעם שאצונג פון זיין זוהן אויך מסכים גיוועזען אין פארגישטעלט זיין איידעם פאר אזעליכען וואס דיא וועלט וועט זיך אויף איהם קענען פארלאזען. דיא מעשה איז אזוי גיוועזען. איינמאהל האבען זיך צוזאמען בעטראפען דיא צוויא בארוהמטע גאונים דער ברוך טעם. לייפניקער רב. אין דער חוות דעת ליסער רב. זכרונם לברכה. שמועסענדיג פון פארשיעדע יודישע אנגעלעגענהייטען איז אויך בערוהרט געווארען דיא פראגע פון דער פערמינדערונג

פערמינדערונג פון דיא לומדי תורה. עס איז נישט צו זעהן צווישען דעם יונגען דור דאס עס זאל אונטערוואקסען וועלכע עס איז גאונים אזוי וויא פארצייטענס. דער ליסער רב איז אזוי וויט געגאנגען דאס ער האט פאר דעם ברוך טעם אויסגעדריקט א מורא אז ער ווייסט נישט אין דער קומענדער צייט צו עס וועט זיין ווער עס זאל ראוי זיין מען זאל זיך אויף איהם פערלאזען אין עניני הוראה. דאמאלסט האט איהם דער ברוך טעם בערוהיגט אז אויף זיין איידעם ר׳ חיים וועט זיך דיא וועלט קענען פערלאזען. דער ליסער רב האט דאמאלסט אפילו מיט איהם נישט מסכים גיוועזען וויל ער האט נאך דאמאלסט דעם גרויסען גאון נישט גיקענט. אבער דערנאך איז פארגעקומען אשאלות ותשובות אויסטויש צווישען דעם גרויסען גאון ר׳ חיים צאנזער וועלכער איז נאך דאמאלסט אויך גיוועזען גאר א יונגער מאן אין זעהנדיג זיין חריפות אין עמקות האט דער ליסער רב געזאגט אצונד זעה איך אז דער ברוך טעם האט גוט אבגעשאצט דיא ווערט פון זיין איידעם ווען ער האט מיר געזאגט אז אויף זיין איידעם וועט זיך דיא וועלט קענען פערלאזען אין עניני הוראה.

דוד המלך עליו השלום זאגט אין תהלים מה׳ צעדי גבר כוננו. דיא טריט פון דעם מענטש זענען אנגעברייט פון אייבערשטען. ודרכו יחפץ. אין דער אייבערשטער וויל דעם מענטש׳ס וועג. פיעל מאהל איז דער מענטש זוכה אין דיא ריכטיגקייט פון דיא הייליגע ווערמער צו איבערצייגען זיך אין אבוואהל ער האט פארגענומען זיין וועג צו ליב אנדערע צוועקען קומט דאך דערפון ארויס אנאום ערווארטעטע זאך וועלכעס דעם מענטש איז דאס גאר קיינמאהל אפילו אויף דער מחשבה נישט אויפגעגאנגען אין בפרט ער זאל דעם יעצטיגען וועג האבען אונטע גענומען צוליעב דעם. איינער פון דיא מענטשען איז גיוועזען דער גאון ר׳ לייבוש האלבערשטאם דעם צאנזער רב׳ס פאטער. ער איז צוליעב האנדעלס צוועק געפארען קיין לייפניק אין אפפארטענדיג זיך מיט דעם מסחר פלעגט ער אלע טאג אריין גייען צו דעם גרויסען גאון דער שטאט רב. רבי ברוך תאומים. אדער וויא מען האט איהם גערופען אין דער גאונישער וועלט דער ברוך טעם. שמועסען אין לערנען. דער ברוך טעם האט שטארק נהנה גיוועזען פון זיין אופן לערנען וויל ער האט געהאט זייער אלאגישע אריענטאציע אין דערבייא זיך אויסגעצייכענט מיט גרויס בקיאות אין אלע שטעלען פון תלמוד בבלי אין ירושלמי וועלכעס ער האט כמעט גידענקט בעל פה אין ער האט

דרובער

דרובּער געבעטען ר׳ לייבּושען אַז דיא גאַנצע צייט וואָס ער וועט זיין אין לייפּניק ווען ער וועט נאָר וועלען שמועסען אין לערנען זאָל ער צו איהם אַריין קומען. איינמאָהל איז ר׳ לייבּוש געזעסען ביים ברוך טעם אין זייא האָבּען געשמועסט וועגען אַנאינטערסאַנטען ענין. פּלוצלינג האָט זיך דיא טיהר געעפינט און עס איז אריינגעקומען דעם ברוך טעם׳ס אַקינד איבּער געגעבּען אַבּריף וואָס דער פּאָסט ,טרעגער האָט נאָר וואָס געהאַט אַראַן געבּרענגט. ר׳ לייבּוש האָט נישט ווילענדיג בּעמערקט אַז דער פּאָסטסטעמפּעל איז פון טאַרניגראָד. אין דרובּער האָט ער זיך געווענדעט צום רב מיט זיין השערה אַז דער בּריף איז זיכער געשריבּען צו איהם. דאָס הייסט צו ר׳ לייבּושען, פון זיין בּני הבּית. אין אויסגע-דריקט זיין פערווינדערינג וואָס דער בּריף איז עפּיס אַדרעסירט צום רב אין דער צייט וואָס ער דערהאַלט אַלע טאָג בּריף אויף דעם אַדרעס פון דעם סוחר וואָס ער שטעהט בּייא איהם אויף סטאַנציע שטענדיג ווען ער איז אין לייפּניק. דער רב האָט איהם געענטפערט אַז ווייל דער בּריף איז אַדרעסירט צו איהם וועט ער איהם פריהער אויף עפענען אין אויבּ ער וועט זיין צו ר׳ לייבּושען וועט ער איהם געוויסט נישט לייענען אין בּאַלד איבּער געבּען צו ר׳ לייבּושען:

אָבּער וויא פערווינדערט זענען זייא געוואָרען ווען דער רב האָט דעם בּריף געעפינט און אַריינקוקענדיג עטליכע שורות האָט ער דעם בּריף איבּער געגעבּען מיט אַשמייכעל צו ר׳ לייבּושען ערקלערענדיג איהם דאָס דער בּריף איז געשריבּען פאַר זייא בּיידע ווען ר׳ לייבּוש האָט דעם בּריף איבּער געלייענט און דערוויסענדיג זיך זיין אינהאַלט האָט ער זיך זייער געפרייט וואָס השי״ת האָט איהם צו געשיקט אַזוי אַגיטען שידוך. אין נאָך דעם וויא ער האָט אַליין צו גערייט דעם בּאָדען דער צו מיט זיין אַריין גיין אָפּט צום רב שמועסען אין לערנען דורך וועלכען דער רב האָט זיך איבּערצייגט אין דעם אופן לערנען פון ר׳ לייבּושען אין פערשטאַנען אַז זיין זוהן ר׳ העשיל׳ס לויבּען דעם חתן ר׳ לייבּושעס בּחור איז נישט איבּערטריבּען האָט זיך דער בּרוך טעם געווענדעט צו ר׳ לייבּושען מיט דער פראַגע וואָס ער זאָגט דערצו. ר׳ לייבּוש וועלכער איז געוועזען גליקליך דערמיט וואָס זיין זוהן וועט אַריינקומען אין אַזוי אַגאונישע שטיבּ. האָט בּאַלד געענטפערט דעם בּרוך טעם דאָס ער שטימט איין אויף דעם שידוך. דער רב האָט אָבּער ר׳ לייבּושען ערקלערט דאָס ער איז נאָך נישט גרייט צו בּעשליסען זיך תיכף תנאים צו שרייבּען מיט זיין בּחור. ווייל מען רעדט איהם שוין

אלענגערע

אלענגערע צייט אשידוך מיט דעם בעוואוסטען גביר אין מיוחסדיגען גאון רבי אפרים זלמן מרגליות פון בראד. און אין מיין לעצטען בריף האב איך איהם געשריבען דאס איך וועל ווארטען ביז חמשה עשר בשבט אין אויב ביז דאמאלסט וועט נישט קומען פון איהם קיין בריף אבער א משולח מיט א כח הרשאה. וועל איך טוהן אנאנדערען שידוך. און וויל היינט איז דאך טאקע חמשה עשר בשבט וועל איך ווארטען ביז נאכט און אויב עס וועט נישט זיין פון רבי אפרים זלמן מרגליות קיין ידיעה וועל איך אי״ה שרייבען תנאים מיט אייך. ר׳ לייבוש איז דרויף בעשטאנען. פונקט איז אין דעם הויף וויא ר׳ לייבוש איז איינגעשטאנען אויף גיוועזען א גאסט הויז וואס דארט פלעגען איין צו שטיין בראדער. און אזוי וויא ר׳ לייבוש איז אהיים געגאנגען האט ער גיזעהן אריין פאהרען א פיהר פון בראד. ער איז זייער אינטערעסאנט גיוועזען געוואהר צו ווערען אויב דאה איז נישט געקומען עפיס א משולח פון רבי אפרים זלמנען צום לייפניקער רב וועגען דעם שידוך און דרובער האט ער גיפרעגט איינעם פון דיא אנגעקומענע מענטשען צו רבי אפרים זלמן איז דאה אין בראד. דאס גליק האט אונזער ר׳ לייבושען וייטער געדינט און ער האט גראדע געטראפען צו דעם מענטש וועלכעס רבי אפרים זלמן האט געשיקט מיט א כח הרשאה צו פערענדיגען דעם שידוך מיט דעם לייפניקער רב דער ברוך טעם. דער משולח האט נישט געקארגט קיין ווערטער און אנשטאט איין ווארט צו ענטפערן יאה. האט ער ר׳ לייבושען דערציילט אגאנצע מעשה דאס ער איז טאקע היינט און דער פריא גיוועזען בייא רבי אפרים זלמנען צוליעב דעם וואס מען רעדט איהם א שידוך מיט דעם היגען רב דעם ברוך טעם און ער האט איהם דאה אהער געשיקט מיט אכח הרשאה צו שרייבען תנאים מיט דעם היגען רב און זיין נאמען. ר׳ לייבוש האט דאס דערהערט איז ער דערציטערט געווארען מורא האבענדיג אז זיין פארשטעהנדיג גליק איז פון איהם פערלוירען געווארען. און דרובער האט ער זיך גילערנט א היתר היות ער זעהט דאס אין פערלויף פון דעם גאנצען שידוך פיהרט זיך עפיס אזוי מן השמים דאס דעם ברוך טעמ׳ס זוהן איז גיפעלען זיין בחור און דער ברוך טעם איז אויך איינשטימיג. און יעצט האט ער פונקט פון דער גאנצער פיהר מענטשען געטראפען צו פרעגען דעם משולח און ער אליין האט איהם אלעס דערציילט דרובער דארף ער זעהן דעם משולח אויף צו האלטען איבער דעם און ער זאל דער וויל שרייבען תנאים מיט דעם ברוך טעמ׳ס טאכטער:

אין

אין ווייל ער איז גיוועזען זייער געפרוּווירט האָט איהם ר׳ לייבוש פאַר-געלייגט איידער ער וועט גייען צום רב זאָל ער עפּיס אָבעסען אין זיך אַביסעל דערוואַרימען דער משולח האָט דרויף איינגעשטימט אין ר׳ לייבוש האָט געהייסען געבען פאַר זייא ביידע יעפּיס עסען. דער בעל הבית האָט גיענטפערט דאָס אין אַהאַלבע שעה אַרום וועט פאַרטיג זיין עסען. אין ווייל עס איז אין דרויסען גיוועזען חמורנע האָט ר׳ לייבוש דעם משולח פאָרגעשלאָגען דאָס זייא זאָלען פרוהער דאַווינען מנחה ביז עס וועט פאַרטיג ווערען דאָס עסען. נאָך מנחה האָט ר׳ לייבוש געהייסען דעם בעל אַכסניא אַריין געבען שטאַרקען בראָנפען ווייל דער בראָדער יוד איז געפרוירען אין דאַרף זיך אביסעל אָנוואַרימען. מען האָט תיכף אַרויף גישטעלט אַגרויסען פלאַש געשמאַקען בראָנפען גאַנץ שטאַרקין אין ר׳ לייבוש האָט זיך גענומען אביסעלע אין געטרינקען צו דעם משולח לחיים. דער בראָדער אָבער איז נישט גיוועזען קיין מפונק אין נאָך דערצו וואָס ער איז אַגאַנצען וועג גוט געפרוירען האָט ער זיך צו געכאַפּט צום פלעשעל אין ער האָט געמאַכט אַחת ואחת ביז ער איז גוט פערטרונקען געוואָרען אין ער האָט שוין נישט געהאַט קיין מעגליכקייט בשום אופן צו גיין צום רב וועגען דעם שליחות וואָס ער איז געשיקט געוואָרען פון רבי אפרים זלמנען צו גומר זיין דעם שידוך. דרובער האָט ער ר׳ לייבושען גיבעטען היות ער איז יעצט שטאַרק מיעד אין ער קען נישט אויספיהרען זיין שליחות אין רבי אפרים זלמן האָט איהם אָנגעזאָגט אַז דאָס מוז היינט אויסגעפיהרט ווערען ווייל אַז נישט וועט דער לייפניקער רב טוּן אַנאַנדערען שידוך. פיללייכט וועט ער קענען איהם ערלעדיגען דיא זאַך, זעלבסט פערשטענדליך אַז ר׳ לייבוש האָט אויף זיך אַז אַ שליחות נישט געוואָלט נעמען אין דרובער האָט דער בראָדער געפרובט צוואַמען נעמען אַלע כוחות אין אַליין גיין צום רב. אָבער פערפאַלען דער בראָנפען איז שטאַרקער גיוועזען פון איהם. אין דיא פיס האָבען זיך נישט גיקענט רוהרען פון דעם אָרט ער האָט געמוזט בעטען דעם בעל אַכסניא ער זאָל איהם אָנווייזען אַגילעגער אין ער איז זיך געגאַנגען לייגען שלאָפען אין ער האָט גיבעטען ר׳ לייבושען אַז ער וועט זיך אַביסעל איבער שלאָפען זאָל ער איהם אויפוועקען דאַווינען מעריב. דאָס האָט איהם ר׳ לייבוש יאָה צו געזאָגט. אין ער איז זיך געגאַנגען אָהנלעגען. אָבער ר׳ לייבוש וועלכער האָט דרונען איינגיזעהן אַ השגחה פרטיות דאָס זיין בחור זאָל האָבען דאָס גליק צו ווערען דעם בחוך טעמ׳ס איידעם האָט קיין מינוט נישט פערזוימט אין ער איז טאַקע פון דער סטאַנציע גלייך געגאַנגען צום רב אין אַריינגעענדיג האָט ער פונקט גערטראָפען

געטראָפען דאָס מען איז זיך צוזאַמען געקומען דאָרטען מנחה מעריב ער האָט איבער געוואַרט ביז מען האָט אָבגעדאַוונט מנחה אין מעריב האָט ער אויך געדאַווענט מיט'ן רב'ס מנין. אין נאָך מעריב אַז דער עולם איז זיך אַהיים געגאַנגען האָט ער גיפרעגט דעם רב צו ער האָט היינט דערהאַלטען עפּיס אַ ידיעה פון בראָד פון רבי אפרים זלמנען. דער רב האָט איהם גיענטפערט אַז ער האָט נישט דער האַלטען קיין שום ידיעה פון בראָד. אַזוי וויא מיר ווייסען שוין אַז ר' לייבושען האָט געגליקט דעם שליח איינצושלעפערען אין דרובער איז ער גרייט צו שרייבען תנאים למזל טוב מיט ר' לייבושעס בחור:

זעלבסטפערשטענדליך זענען באַלד צונויף גערופען געוואָהרען די חשובע קהל'ס לייט אין דער רב האָט מיט ר' לייבוש'עס בחור געשריבען תנאים מיט גרויס פרייד נישט אָהן קיגענדיג אפילו דעם חתן נאָר וואָס ער האָט זיך פערלאָזט אויף דעם מבינות פון זיין זוהן הגאון ר' העשיל אַזוי ווי מיר האָבען פרוהער דערמאַנט ווי אויך אויף זיין דערקענען ר' לייבושען דורך דער צייט וואָס ער איז צו איהם אַריין געגאַנגען שמוסען אין לערנען פאַר אַ מענטש מיט אַלע מעלות וועלכע עס איז ראוי צו זיין זיינס אַמחותן. אין לויט ווי די הייליגע חז"ל זאָגען אַז ברא כרעא דאבוה. דאָס הייסט אַ זוהן האָט אין זיך די אייגענשאַפטען פון זיין פאָטער. האָט דער ברוך טעם פערהאָפט אַז זיין זוהן הגאון ר' העשיל האָט ריכטיג אָבגעשאַצט דיא ווערט פון דעם בחור דאָס ער איז ווערט צו זיין דער מאַן פון זיין שוועסטער אָבער אַז דאָס בעציהט זיך נאָר אויף די גייסטיגע פעהיגקייטען איז דער זוהן גלייך מיט'ן פאָטער. אָבער נישט אויף די קערפערליכע. ווייל עס גיבט פיעל מאהל עלטערין וואָס זענען קאַליקעס געבאָרען נאָרמאַלע קינדער אין דער געגען עלטערען נאָרמאַלע וועלכע האָבען קינדער קאַליקעס דאָס איז דעם ברוך טעם גאָר נישט איינגעפאַלען צו קלערען. אָדער בעסער געזאָגט מען האָט איהם פון הימעל געמאַכט פערגעסען וועגען דעם איבער צו פרעגען אין זיך אויסנעמין דאָס אַזוי ווי ער זעהט נישט דעם חתן ווי אויך זיין טאָכטער די כלה זעהט איהם נישט אויב עס וועט זיך שפּעטער אַרויס ווייזען אַז קערפּעליך וועט דער חתן נישט גיפעלין זאָלען די תנאים קיין ווערט נישט האָבען. אין אַזוי ווי עס האָט זיך טאַקע שפּעטער אַרויס געוויזען אַז אַ תנאי איז נויטיג גיוועזן אָבער וועגען דעם וועלין מיר שפּעטער שרייבען. אין אַ צינד וועלין מיר

זעהו

זעהן דעם סוף פון דעם בראָדער שליחות וואָס רבי אפרים זלמן מרגליות
האָט געשיקט:

וויא דער שטייגער איז ביי אזעלכע גדולים ווי דער ברוך טעם גייט קיין שמחה נישט אַ דורך אָהן שמחת התורה וועלכעס דאָס איז דאָך דער עיקר ביי אַזעלכע מענטשין אין אזוי איז דאָה אויך פאהר-געקומען ביי די תנאים פייערונג האָט מען זיך אָהנגעהויבען מפלפל צו זיין אין דברי תורה פרוהער אין הלכה דערנאָך אין אגדה ווי די אלע אָנוועזענדע שטאָדט׳ס לומדים האָבען זיך בעטייליגט אין דעם וויכטיגען שמועס אין זיי זענין שטאַרק צו פרידען גיוועזען פון ר׳ לייבושס אויפטוען אין זיין לאָגישען פערשטאַנד. אין אַלע האָבען מיט צופרידענהייט פער זיכערט אַז דער ברוך טעם האָט זיך צו געקליבען אַ גוטען מחותן אַזוי ווי עס פאַסט איהם צו. אין מסתמא איז דער חתן אויך אַזעלכער. און אין דעם זינען האָבען זיי דעם רב געווינטשען גליק צו זיין טאָכטערס תנאים. אין דער נאָך האָט מען פעראָרדענט מיט די זיסע שפייזען אין משקה וועלכעס איז גיוועזען אָנגעגרייט פאַר זיי אויפ׳ן טיש. עס האָט פערנומען ביז נאָך האַלבע נאַכט. דער נאָך איז זיך דער עולם אין אַ געהויבענער שטימע אַ היים געגאַנגען. אין ר׳ לייבוש איז אויך אַהיים געגאַנגען אָבטרעטענדיג אין דער אכסניא ווי דער בראָדער משולח איז גיוועזען אין ער האָט איהם געטראָפען ליגען שלאָפען נאָך דער קאַלטער רייזע אין דער גוטער סעודה מיט׳ן שטאַרקען שנאַפס האָט ער זיך גאָר מחי׳ גיוועזין מיט׳ן ווייכען אין וואַרימען גילעגער אין ער איז זייער געשמאַק געשלאָפין. ר׳ לייבושען איז אַפילו שווער גיוועזין דעם פרעמדין איבער צו וועקין פון זיין געשמאַקען שלאָף. אָבער צו ליעב דעם וואָס ער האָט נאָך נישט גען אַ געדאַוועט קיין מעריב האָט ער געמוזט איהם איבער וועקען. דער שליח האָט זיך קוים איבערגיוועקט אין אָנגעהויבען רייבען די אויגען ווייל ער איז שטאַרק פערשלאָפען גיוועזען. אָבער ווי ר׳ לייבוש האָט איהם דערמאַנט אַז עס איז שוין גוט שפעט נאָך האַלבער נאַכט אין ער קען דאָה נישט שטיין אין וואַרטען ביז זיין אויפשטיין ווייל אויף זיין סטאַנציע וויל מען זיך לייגען שלאָפין. האָט זיך דער בראָדער אויף געהויבען אין געדאַנקט ר׳ לייבושען וואָס ער האָט איהם אויף גיוועקט ווייל אויב נישט וואָלט ער גיוועזין זיכער געשלאָפען ביז טאָג אין פערזוימט מעריב צו דאַווינען. ר׳ לייבוש איז אַצופרודענער געגאַנגען שלאָפען אין דער בראָדער האָט אָבגעדאַוועט מעריב אין געליינט

קריאת

קריאת שמע אין זיך צוריק געלייגט שלאפען ווייל אין אזוי א שפעטע שעה איז פון קיין גייען צום רב אויס פיהרען זיין שליחות זעלבסט-פערשטענדליך קיין רייד נישט געווען. דער משולח איז געשלאפען ביז אויפ'ן טאג. דערנאך ווי ער האט זיך אויפגעהויבען אין אבגעדאווינט אין עפיס געגומען אין מויהל אריין איז ער געגאנגען צום רב איבער געבען דעם כח הרשאה פון רבי אפרים זלמנען אין שרייבען אין זיין נאמען תנאים מיט דעם רב'ס טאכטער. אבער ווי ער איז געקומען צום רב אין איהם איבער גיגעבען דעם כח הרשאה האט איהם דער רב גיענטפערט מיר האבען דאך געהאט אבגעשמועסט דאס נאר ביז חמשה עשר בשבט זאל איך ווארטען אין היינט איז דאך שוין ששה עשר פארוואס זענט איהר נישט געקומען נעכטען מיט דעם כח הרשאה. איך האב מקיים גיווענען אזוי ווי איך האב רבי אפרים זלמנען מבטיח גיוועזען אין געווארט ביז נעכטען. אבער אז איך האב נעכטען נישט געהאט פון איהם קיין ידיעה בין איך געצווינגען גייועזען מקיים צו זיין מיין הבטחה וואס איך האב אצווייטען מבטיח גיוועזען אז אויב איך וועל ביז חמשה עשר בשבט פון רבי אפרים זלמנען קיין תשובה נישט דערהאלטען וועל איך מיט איהם תנאים שרייבען אין אזוי האב איך טאקע מקיים גיוועזען אין נעכטען געשריבען תנאים מיט ר' לייבוש האלבעשטאם פון טארניגראד. דער משולח האט זיך זייער שטארק מצער גיוועזען וואס ער האט זיין שליחות אזוי מיסברויכט אין ער האט דעם ברוך טעם דערציילט דיא גאנצע זאך וויא עס איז איהם נעכטען דערגאנגען. אין אז ער איז ארעכטער אונס אין דעם וואס ער האט נעכטען נישט געוויזען דעם רב דעם כח הרשאה פון רבי אפרים זלמנען אז איך זאל מיט אייך שרייבען תנאים אין אצינד אויב רבי אפרים זלמן וועט געוואהר ווערען דאס צוליב איהם וועט ער האבען פערשפעטיגט דעם זמן וואס זיי האבען פריהער אבגעשמועסט וועט ער אויף איהם בייז ווערען. אין פון בעצאהלען פאר'ן וועג וועט דאך שוין אוודאי קיין רייד נישט זיין. אין ער איז אנארימאן וואס ער דארף דיא פאר גילדען. אין ער האט גיבעטען דעם רב ער זאל איהם אנעצה געבען, דער רב האט איהם גיענטפערט איך קען אייך קיין שום עצה נישט געבען נאר צו שיקען נאך דעם מחותן ר' לייבוש האלבערשטאם וועלכער איז נאך נישט אוועק געפארען אין אפשר וועט ער מיר מוחלי זיין דיא תנאים וועל איך שרייבען תנאים מיט רבי אפרים זלמנען. בעוויל איהר זענט טאקע גיוועזען אנאונס. דער משולח האט גיענטפערט אז אין דעם וועט קיין מניעה נישט זיין ווייל

עס

עס איז דאָה אויף דעם זעלבען הויף ווי ער האָט סטאַנציע ג״ד וועלכער ווייסט פון דעם אַלעם אין ער האָט איהם בייא נאַכט שוין אפשר צווייא אָדער אויפגיוועקט דאַוויגען מעריב. גאַנץ גוט האָט איהם דער רב בעזאָגט גייט אין רופט דעם יוד אין איך וועל שיקען נאָך דעם מחותן. דער משולח מיט דעם שמש פון רב זענען אַרויס געגאַנגען. אָבער וויא פערווינדערט איז דער משולח געבליבען זעהענדיג דאָס אויך דער שמש גייט אויף דעם זעלבען אָרט אין צו דעם זעלבען מענטש ווי ער. עס איז איהם אויסגעקומען וויא אין מדרש שטייט אוי לו לאדם. ווייא איז צו דעם מענטש. שסניגורו. וואָס דעם וועלכעס ער וויל ער זאָל מליץ זיין. קטיגורו. איז ער גאָר זיין בעשילדיגער. אין אויף דעם אָרט וואָס ער האָט זיך גירעכט אז ר׳ לייבוש וועט איהם צו העלפין האָט ער יעצט גאָר גירעכינט אַז ר׳ לייבוש האָט איהם גאָהר פערנאַרט אין לויט אַגאויסגירעכינטעם פלאַן ספעציעל פערשיכורט. ער האָט זיך אָנגעהויבען מיט ר׳ לייבושען צו קריגען אין איהם גערידעלט כאחד הריקים. אָבער ר׳ לייבוש האָט איהם גאָר נישט גיענטפערט. אין ער איז געגאַנגען מיט דעם שמש צום רב. אָבער דעם משולח האָט עס געהויבען אין דער הייך ער איז געלאָפען פאָראויס אין ער איז אַריין געקומען צום רב מיט אַגעשרייא. מיט דעם שווינדלער האָט איהר געשריבען תנאים וואָס ער איז ווערט רבי אפרים זלמנ׳ס שיחת חולין. אין נאָך ער איז שולדיג אין דעם וואָס ער האָט געכטען נישט גיקענט אויספיהרען זיין שליחות וועיל ער האָט איהם במכיוון אָנגעשיכורט אין ער האָט אַזוי געשריגען ביז ר׳ לייבוש מיט דעם שמש זענען אויך אַריין געקומען צום רב. דער רב האָט גיפרעגט ר׳ לייבושען אפשר וועט ער איהם מוחל זיין אויף דיא תנאים ווייל ווען ער זאָל גיוועזען וויסען דערפון אז עס איז דאָה אשליח פון רבי אפרים זלמנען וואָלט ער דאָך נישט גיוועזען מיט איהם געשריבען קיין תנאים אזוי ווי ער האָט איהם בפירוש פריהער געזאָגט אין לויט ווי עס ווייזט זיך אצינד אַרויס האָט דאָך ר׳ לייבוש יאָה געוויסט אַז עס איז דאָה אַמשולח פון בראָד פון רבי אפרים זלמנען מיט אַ כח הרשאה צו שרייבען תנאים מיט דעם רב׳ס טאָכטער נאָר ער האָט זיך נישט וויסענדיג געמאַכט. ר׳ לייבוש האָט איהם אָבער אויסגעוויזען אז על פי דין איז ער נישט מחויב גיוועזען דעם רב צו זאָגען דערפון אין רבי אפרים זלמן קען צו איהם קיין שום פראָטענציע נישט האָבען. אין ער וויל נישט דעם שידוך מבטל זיין דרובער האָט דער משולח בשמוזט צוריק אַהיים פאָרען אין דער שידוך פון ר׳ לייבושען מיט׳ן

הגאון

הגאון הקדוש דער מחבר פון ספר ברוך טעם איז געווארען א גישעהנער פאקט:

נאכדעם ווי דעם ברוך טעם׳ס תלמידים האבען זיך דערוויסט אז זייער רבי האט אנשטאט צו טוען א שידוך מיט די באוויסטע גאונים און גבירים וועלכע האבען אויף בחורים באוויסטע לומדים. און ער האט גאר געטוהן מיט א סוחרישען בחור פון א קליין שטעדטעל וועלכעס קיינער האט פון איהם גאר נישט גיהערט נישט אין לומדית נישט אין גבורה שאפט. האבען זיי בעשלאסען צו שיקען א דעלעגאציע קיין טארניגראד צו ערקינדיגען זיך דאס פערזענליכקייט פון דעם חתן אין צו ער איז טאקע ראוי אוועק צו לאזען צו ליעב איהם די אלע גוטע שידוכים. צוויי בחורים פון דער ישיבה האבען אויף זיך גענומען דעם פעראנטווארטליכען וועג א דורך צו מאכען. און זיי האבען זיך ארויס געלאזט צו פיס קיין טארניגראד. אנקומענדיג זענען זיי גלייך בעגאנגען אין בית מדרש אריין. ווי זיי האבען זיך נאך גיפרעגט אויף דעם בחור חיים וועלכער איז דאה נישט לאנג א חתן געווארען מיט דעם לייפניקער רב׳ס טאכטער. אבער ווי דערשראקען זענען די בחורים גיווארין דערזעהענדיג דאס דער אנגעוויזענער בחור איז א גרויסער בעל מום נעמליך ער הינקעט אויף א פיס ר״ל. זיי האבען שוין מיט איהם גאר נישט געוואלט שמועסען אין לערנען ווייל עס האט זיי די זאך זייער שטארק פערדראסען וואס פון די אלע בעסטע שידוכים האט מען זייער געליבטען רבי׳ן אריין געפיהרט צו טוען מיט א קאליקע ר״ל. און זייא זענען צוריק אוועק געפאהרען קיין לייפניק וויא זוייא האבען דיא זאך איבער גיגעבען דיא בחורים וועלכע האבען שטארק געליעבט זייער רבי׳ן און זענען אויסען גיוועזען דאס זיין גליק אין אלע אינזיכטען. האבען בעשלאסען דאס מען טאהר אזוי אזאך נישט פער-שווייגען און אויב דער שדכן און דער מחותן ר׳ לייבוש האבען דעם רבי׳ן זייערען אבגעשווינדעלט און נישט דערציילט אז דער חתן איז אקאליקע ר״ל אויף וועלכען ער וואלט פערגעוויס נישט גיוועזען בעשטאנען ווען ער זאל פרוהער דערפון גיוועזען וויסען. איז דאס דאך תנאים בטעות וועלכע האבען קיין שום ווערט נישט. און דרובער דארף מען דאס איבער געבען דעם רבי׳ן דאס מען האט איהם גענארט און ער זאל דעם שידוך אבלאזען זייא האבען טאקע זייער דאזיגען בעשלוס באלד אויסגעפיהרט און דיא חשובסטע תלמידים זענען אריין געגאנגען צו זייער רבי׳ן דעם ברוך טעם מיט נעמענדיג דיא צווייא שלוחים אלעס

עד ר"א' אין האָבען איהם דיא זאַך דערציילט. דער ברוך טעם איז זייער אויפגירעגט געוואָרען אין ער האָט זייא געזאָגט דאָס ער קען צו זיין מחותן ר' לייבוש נישט האָבען קיין פּראָטענציע ווייל ער איז דאָך גאָר אין דער היים נישט גיוועזען ווען זיין זוהן הגאון ר' העשיל האָט גע-שריבען דעם בריף פון טארניגראָד דאָס ער הייסט איהם טוען מיט דעם בחור גלייכער וויא דיא אַלע בעסטע שידוכים וואָס מען שלאָגט איהם פאָהר. אין דרובער אויב ער האָט גיהערט דאָס דעם רב'ס זוהן איז דאָרט גיוועזען אין ער הייסט טוען דעם שידוך האָט ער דאָך נישט געדאַרפען דערציילען קיין מעשיות אַז זיין זוהן איז אַקאַליקע ר"ל דאָס איז דאָך אַ מום שבגלוי וועלכעס יעדער מענטש זעהט אין פערגעוויס האָט דאָך זיין זוהן הגאון ר' העשיל אויך גיזעהן אַז ער איז אַ קאַליקע ר"ל. פון דעסטין איז עד גיוועזען איינשטימיג דרויף. אין צוליעב דעם קען ער אויך נישט מבטל זיין פאַרלויפענדיג דעם שידוך ווייל ער רעכינט נישט דעם מחותן ר' לייבוש פאַר קיין חייב אין דער זאַך. דיא תלמידים האָט דיא זאַך זייער גיקרענקט אין אויך דער רב איז גוט בייז גיוועזען אויף זיין זוהן הגאון ר' העשיל אין ער האָט געזאָגט דאָס ווען ער וועט קומען צו איהם וועט ער איהם גוט אויספּאַטשען. דערווייל איז דיא רביצין דיא מחותנסטע וויא אויך איהר טאָכטער דיא כלה געוואָהר געוואָרען דערפון איז געוואָרען צווישען זייא אַגרויסער טומעל אין דיא כלה האָט געזאָגט אַז זיא וויל בשום אופן נישט קיין מאַן אַקאַליקע. דער רב האָט געהאַט גרויס עגמת נפש דערפון דאָס עס זאָל קומען דערצו דאָס זיין טאָכטער זאָל נישט וועלען דעם חתן וועלכען ער קלויבט איהר אויס. אין ער אַליין פערשטייט אויך דאָס זי איז גירעכט. נאָר ער האָט קיין עצה נישט דעם שידוך אָבצולאָזען:

אַבער וויא זאָגט דיא וועלט אַ יוד אַ תלמיד חכם גיט זיך אומעטום אַנעצה. דער ברוך טעם האָט זיין טאָכטער געטרייסט היות וויא עס זעהט אויס איז דיא זאַך מן השמים ווייל בייזווילליג וועט דאָך אַ ברודער נישט אריינפיהרען זיין שוועסטער אין קיין שלעכטען שידוך אריין בפרט נאָך צו שרייבען דאָס מען זאָל אוועק שטעלען אַלע שידוכים אין טוען דעם. מסתמא איז פון רבונו של עולם. דער בחור איז טאקע אַסוד אויסצוזאָגען אלא וואָס ער איז אַקאַליקע. ראשית איז דאָס הינקען נישט קיין שלאפקייט חלילה. אין אויך ער וועט זיין אין וועלכער שטאָדט אַרב וועט איהם דאָס נישט שטערען אין קיין זאַך. אין צווייטענס רעכינט ער דאָס אַזוי אַ בחור איז אין אמת אַריין נישט אַזוי

על

פיעל א נפקא מינה אין שענהייט נאר ער וויל זיך משדך זיין מיט דעם ברוך טעם. אין אזוי ווי ער האט א טאכטער פון דעם ערשטען ווייב וועלכעס אלעס עלטער מיידיל אין יתומה ר״ל וועט זי אויך איינוויליגען אויב דער חתן האט א שטיקעל פעהלער דרובער וועט ער צו גרייטען אלעס צו דער חתונה אין אויב דער חתן וועט קומען אין ער וועט איהר נישט גיפעלין וועט זיין די חתונה מיט איהר שטיב שוועסטער. די כלה האט אנגענומען איהר פאטערס פאהרשלאג אין זי האט זיך דערמיט בערוהיגט. אבער איהר פאטער האט זיך נאך נישט מיט דעם בערוהיגט ער האט זיך געטראכט דאס ווען ער זאל גיוועזין טוען מיט רבי אפרים זלמן מרגליות פון בראד אין אפילו זיין בחור זאל נישט זיין קיין אזוי אגרויסער למדן ווי דער בחור איז. וואלט ער מיט איהם גילערינט ביז ער וואלט געווארען א גרויסער למדן. נאך וואס האט איהם זיין זוהן אריין געפיהרט אין דעם שידוך אריין. אין אזוי ווי ער איז נישט גיוועזען פון די חסידים וועלכע פארען אין אזוי א פאל אנ׳עצה האלטען זיך מיט דעם רבי׳ן. האט ער בעשלאסען צו פאהרען פרעגען אנ׳עצה דעם דאמאלסטיגען בעוויסטען וועלט׳ס גאון רבי מרדכי בנעט. אבער דער גאון רבי מרדכי בנעט האט איהם אהן שום צווייפעל ערקלערט דאס חיים אין ברוך. דאס הייסט דער חתן וואס ער הייסט חיים אין דער מחותן וועלכער הייסט ברוך. איז זייער אגוטע משפחה. אין אז ער זאל גאר נישט קלערען וועגען דעם שידוך ווייל דאס איז זיין טאכטער׳ס רעכטער זיווג. דער ברוך טעם האט זיך דערמיט בערוהיגט אין איז אהיים געפאהרען אין אנגעהויבען צו צו גרייטען חתונה מלבושים אין אנדערע צורכי חתונה. ווי עס איז געקומען די צייט פון דער חתונה האט ער געשיקט עטליכע פון זיינע בעסטע תלמודים זיי זאלען זיין אין טארניגראד ביים אויפרופען דעם חתן אין זיי זאלען צו זאמין מיט איהם קומען אויף דער חתונה. פון די תלמידים האט זיך דער חתן דערוויסט אז די כלה איז נישט צו פרודען פון שידוך. ער האט זיך גאר נישט וויסענדיג געמאכט דערפון נאר ווי זיי זענען אנגעקומען קיין לייפניק האט דער חתן געזאגט דאס ער דארף עפיס רעדען מיט דער כלה אליין. מען האט דאס איהר איבער גיגעבין אין זי איז דרויף בעשטאנען. וואס זיי האבען דארט געשמיסט ווייסט קיינער נישט. נאר נאך דעם שמועס האט זי געזאגט דעם פאטער דאס זי איז צופרידען פון דעם חתן אין עס איז גיוועזען די חתונה מיט גרויס פרייד. דער ברוך טעם האט גרויס נחת געהאט פון זיין איידעם אין ער האט זיך איינמאהל

פאר

פאר זיינע פרייַד. אויסגערוהמט מיין אידעס האָט טאקע א קרומען פיס. דערפאר האָט ער אָבער א גלייכען קאָפּף. דער זכות פון די היילינגע צדיקים זאָל אונז ביי שטיין מיר זאָלען געהאָלפען ווערען מיט אלעם גוטען אין זוכה זיין צו דער גאולה שלימה במהרה בימינו אָמן

# זעהר אַווינדערליכע ערצעהלונג פון דעם היילינגען צאנזער רבי זכרונו לברכה:

דער צאנזער רבי זכרונו לברכה. איז ווי בעוויסט גיוועזען אַנ׳אויס-טערלישער בעל צדקה עס איז גאָר נישט אומשטאנד קיין פעדער דאָס אויס צו שרייבען. אין דרובער זענען אין זיין בית מדרש גיועסען זייער פיעל תלמידי חכמים אין גילערינט יומם ולילה אין ער האָט זיי גיגעבין זייער גאַנצע הספקה. אין ווייל עס איז שטענדיג גיוועזען ליכטיג אין בית מדרש אין פרייא ווייל עס זענען גיזעסען מענטשען אין גילערינט פלעגען די חסידים וואָס זענען ביי נאכט אין שפעטערע שעה׳ן געקומין צו פאָהרען אריין גיין אין בית מדרש אַריין. טייל מאָהל פלעגען זיי דאָרט זיך לייגען שלאָפען אויף וועלכער באנק. דער רבי פלעגט צו גיין עטליכע מאָהל ביי דער נאכט אין מקוה אַריין אין גייענדיג אין מקוה אריין אין צוריק פלעגט ער אָב טרעטען אין בית מדרש. איינמאָהל איז דער רבי אַריין געקומין אין בית מדרש אַריין אין ער איז צו געגאַנגען צו די בענק וואָס דאָרט זענען געשלאָפען עטליכע נאָר וואָס אָנגעקומענע חסידים אין ביי איינעם האָט ער זיך אָבגישטעלט אין אָנגעהויבען צו שרייען אוי וויא! א זוהן זאָל הארגינען א טאַטין. אין זיך געריסען די האָר פון קאָפּף וויינענדיג אין שרייענדיג מיט זייער א ביטערע שטימע עטליכע מאָהל אוי! ווי א זוהן זאָל הארגינען א פאָטער. דער פרעמדער איז אָבער גיוועזען אזוי פערזינקען אין שלאָף דאָס ער האָט נישט גיהערט וואָס אַרום איהם טהוט זיך אין ער איז אזוי ווייטער געשלאָפען. דער רבי איז אזוי געשטאַנען לעבין איהם עטליכע מינוט אין איז צוריק געגאַנגען אין זיין חדר אַריין. די מענטשען אָבער וועלכע האָבען זיך דאַמאָלסט געפינען אין בית מדרש זענען שטארק דערציטערט געוואָרען ווייל זיי האָבען געוויסט דאָס דעם

רבינ׳ס

# דברי חיים

דבינס געווין אין געשרייא איז נישט אומזונסט. דרובער האבען זייא אגגעווארט ביז דער מענטש האט זיך אויפגעכאפט פון שלאף. אין זייא זענען צו איהם צו געגאנגען אין איהם גיפרעגט פון וואנעט ער איז אין נאך וואס ער איז אהער געקומען צום רבין. דער יוד האט זייא דערציילט בדמעות שליש אז ער איז פון אדארף נישט ווייט פון צאנז אין ער האט זיך אויף געהויבען פארטאג האקען האלץ האט זיך דיא האק פלוצלינג אראב בעלאזט פון דעם העלצעל אין איז געפאלען זיין אלטען פאטער אין קאפף אריין אין ער איז געבליבען אטוידטע ר״ל אויפן ארט איז ער אצינד געקומען צום רבין מקבל תשובה זיין. דיא חסידים האבען גיזעהן דעם אפענעם רוח הקודש וואס רוהט אויף זייער הייליגען רבין דאס איידער דער מענטש האט נאך אפילו שלום גענומען האט ער שוין געוואסט נאך וואס ער איז געקומען אין ער האט שוין אנגעהויבען עוסק צו זיין אין א תיקון פערזיינעט ווערגען. דער זכות פון דעם הייליגען צדיק זאל אונז בייא שטיין מיר זאלען אבגעהיטען ווערען פון כל מיני אומגליקען ביז עוויג אמן:

## נאך אווינדערליכע ערצעהלונג פון דעם הייליגען צאנזער רבין זכרונו לברכה.

איינמאהל איז געקומען צום הייליגען צאנזער רבין אפרוי פון רוסלאנד אין אב גיגעבען א קוויטעל מיט אגרויסען פדיון. אין זיא האט שטארק געוויינט. היות איהר מאן איז גיוועזען אגרויסער חשוב בייא אגראף וועלכער איז זייער רייך ער פערמאגט פיעל דערפער אין הייף. אין ער איז גיוועזען א מעקלער בייא אלע ארענדעס וואס דער גראף האט פערדינגען. זעלבסטפערשטענדליך דאס ער האט גיזעהן דאס אלע קרעטשמעס זאלען זיך געפינען אין יודישע הענד אין דערבייא האבען זייא אויך געהאט שיין פרנסה אין זייא האבען געטוהן גוטע שידוכים בייא וועלכען ביז דעם היינטיגען טאג האלטען זייא אום דרייא איידעמס אין צווייא זוהן וואס זיצען יומם־ולילה אין לערנען. אין ווייל דער גראף איז שוין אנעלטערער מענטש ווייא אויך קינדערלאז האט ער זיך אנגעהויבען אב צו געבען מיט פאנאטישע גלחים וועלכע יאגען אויס געשפראכינע

געשפראָכענע אַנטיסעמיטען אין זייא האָבען אַזוי־פּיעל אויף איהם געווירקט דאָס ער האָט צו געשיקט צו דיא אַלע יודישע אַרענדאַרען דאָס זייא זאָלען זיך צו גרייטען צו פערלאָזען זיינע גיטער ווייל אויף דעם קומענדען יאָהר וועט ער זייא נישט איבער שרייבען דיא קאָנטראַקטען. אויך איהר מאַן לאָזט ער שוין נישט אַריין צו זיך אין זייא האָבען נישט־קיין מג[illegible] אויף קיין אַנדערע פרנסה. דער רבי האָט איהר אָנגעווינטשען אז השי״ת זאָל זייא העלפען פון זייער נויט. דיא פרוי האָט זיך אָבער נישט בּעגנוגענט מיט דעם בלויזען אָנווינטשען נאָר זיא איז ווייטער פערבליבען אין צאנז אין איז יעדען טאָג אַריין געגאַנגען צום רבין אין געוויינט אין גיבעטען דאָס דער רבי זאָל איהר געבען אַנעצה. איינמאָהל איז זיא אַריין געקומען צום רבין אין האָט איהם שטאַרק דערקוטשעט. האָט איהר דער רבי געענטפערט איך האָב פאַר אייך קיין שום עצה נישט נאָר איהר זאָלט פאָרען קיין קראַטשינקא וועלכע איז נישט ווייט פון דאַנען אין דאָרט אַריין גיין צום שענקער ר׳ שמעון יואב אין ער וועט אייך א טובה טוען. דיא פרוי וועלכע איז געוועזען אַרויסישע אין קיינמאָהל נישט גיהערט פון דיא גאַליציאַנער יודען אין רוסלאַנד פלעגט מען אויף דיא גאַליציאַנער יודען זאָגען אַז זייא זענען זייער שלעכטע מענטשען. דרובער האָט זיא גיבעטען דער רבי זאָל איהר געבען אַבריף צו דעם ר׳ שמעון יואב׳ן. דער רבי האָט געהייסען אַריין רופען זיין קוויטעל שרייבער אין איהם בעפוילען צו שרייבען פאַר דער פרוי וועגען אַבריף צו ר׳ שמעון יואב׳ן פון קראָשטשענקא אַז דער רבי בעט איהם ער זאָל דער פרוי אַטובה טוען. דער משמש האָט תיכף דעם בריף אָב געשריבען אין גיגעבען דער פרוי. איז זיא נאָך אמאָהל אַריין געגאַנגען צום רבין ער זאָל איהר אָנווינטשען אַז זיא זאָל מצליח זיין. דער רבי האָט איהר אָנגעווינטשען אַז דיא צווייטע וואָך זאָל זיא צוריק קומען א בשורה זאָגען אַז זיא איז שוין אַגעהאָלפענער. דיא פרוי האָט געדינגען אַפיהר קיין קראָשטשינקא אין איז גלייך צו געפאָהרען צו ר׳ שמעון יואב׳ס שענק. דאָס איז שוין געוועזען פאַר נאַכט. ר׳ שמעון יואב איז געוועזען ביי דאַווענען מנחה. דיא פרוי האָט אָבגעשטייגט אין אין אַריין געגאַנגען אין דער שענק אַריין אין האָט גיפרעגט צו דאָה וואָהנט ר׳ שמעון יואב. אין צו ער איז דאָה אין דערהיים. דיא מענטשען וועלכע האָבען דערקענט אין איהרע מלבושים אין שפראַך דאָס זיא איז אַרויסישע האָבען זיך זייער דרויף געוואונדערט פונוואַנעט ווייסט דיא פרוי. פון דעם שענקער פון אַקליין גאַליציאַנער שטעדטעל אין נאָך איהם אָנרופען

ביי

ביאביידע געמען וועלכעס אין דער גאנצער צייט האבען אלע שטאדט לייט נאר איהם גערופען ביא איין נאמען שמעון אויסער ביים ספר תורה וואס מען האט איהם גערופען מיט ביידע נעמען. זייא האבען זיא גיפרעגט נאך וואס זיא דארף איהם. האט זיא געזאגט דאס זיא האט צו איהם א בריף פון דעם הייליגען צאנזער רבין. דאס האט זייא שוין שטארק פעראינטערעסירט ווייל זייא האבען געוויסט דאס דער הייליגער צאנזער שרייבט נישט גלאט קיין בריף אין דער וועלט אריין. נאר מסתמא איז עפיס דאה אויכטיגע זאך וואס דער הייליגער צאנזער רבי האט געשריבען צו א שנקער פון דעם קליינעם שטעדטעלע קראשטשינקא. דרובער האבען זייא תיכף געשיקט אקינד אין בית מדרש אריין זאגען ר' שמעון יואב'ן אז ער זאל זיך נישט זאהמען היינט נאך מעריב ווייל עס איז צו איהם געקומען ארוסישע פרוי מיט אבריף פון דעם הייליגען צאנזער רבי'ן אין זיא ווארט ביא איהם אין שענק:

וויא ר' שמעון יואב האט דאס דערהערט אז דער רבי האט בפרטות צו איהם געשיקט אבריף. איז ער באלד נאך מעריב אהיים געגאנגען אין ער איז אריין געגאנגען און דער שענק אריין וויא דיא פרוי האט אויף איהם געווארט. אין ביא איהר גענומען דעם בריף. ער האט אין בריף נישט מעהר געפינען וויא דיא ווערטער „דער רבי בעט איהם דאס ער זאל דער פרוי א טובה טוען". ר' שמעון יואב האט גיגעבען אקוק אויף דעם קליידונג פון דער פרוי האט ער פערשטאנען אז דאה האנדעלט זיך נישט וועגען א געלט שטיצע ווייל מען האט אין דיא מלבושים דערקענט אז דיא פרוי איז א גאנץ רייכע. דרובער האט ער זיא גיפרעגט וואס פאר אטובה זיא דארף צו האבען, האט דיא פרוי איהם דערציילט דיא גאנצע מעשה פון דעם גראף. אין אז זיא דארף אז מען זאל פאר איהר גוט רעדען ביים גראף דאס ער זאל איהר מאן ווייטער האלטען אין זיינע גיטער. ר' שמעון האט אויסגיהערט איהר גאנצע געשיכטע אבער ער איז געבליבען זייער פערוואונדערט ווייל ער האט אפילו נישט גיהערט אז עס זאל זיין אזוי א גראף. וויא אזוי וועט ער קענען דער פרוי א טובה טוען. נאר ווייל ער האט שטארק געהאלטען פון הייליגען צאנזער רבי'ן האט ער זיך מיישב גיוועזען מסתמא אז דער רבי האט צו איהם געשיקט דאס ער זאל דער פרוי א טובה טוען וועט ער אוודאי בעקומען אמעגליכקייט דערצו. אין דרובער האט ער גיענטפערט דער פרוי אזוי וויא דער אמת איז דאס פארלויפיג האט ער נישט קיין שום ידיעה מיט וואס ער קען איהר א טובה טוען נאר אז דער הייליגער

צאנזער

צאַנזער רבי׳ האָט זיא געשיקט צו איהם מסתמא האָט ער געזעהן ברוח הקודש אַז ער וועט איהר קענען אַ טובה טוען. אין דרובער זאָל זיא דערוייל איבער נעכטיגען. אין צומאָרגענס וועט ער שוין זיכען עפּיס געוואָהר צו ווערען וועגען דעם גראַף אין וואָס עס וועט נאָהר מיגלעך זיין צו טוען פאַר איהר טובה וועגען וועט ער טוען. דיא פרוי האָט איהם געדאַנקט פאַר זיין גוטען ווילען זיך צו פּעראינטערעסירען אין איהר גורל אין זיא האָט אָנגענומען זיין פאָרשלאַג איבער צו געכטיגען. ר׳ שמעון יואב האָט באַלד בעפוילען זיינס אַקינד מען זאָל דיא פּרוי אַריין פיהרען צו איהם אין שטיב אַריין אין מען זאָל פאַר איהר צו גרייטען נאַכט עסען אין אַ גוט געלעגער. וויא די פרוי האָט שוין געוואָלט אַרויס גייען האָט ר׳ שמעון יואב נאָך אַ מאָהל בייא איהר גיפרעגט וויא אַזוי דער גראַף הייסט און אין וועליכען גוט ער וואָהנט אין ער האָט זיך דאָס פערשריבען אין זיין נאָטעס ביכעל. ר׳ שמעון יואב האָט אַ גאַנצע נאַכט נישט גיקענט שלאָפען ער האָט אַדורך געגישטערט אין זיינע געדאַנקען צו האָט ער נישט אַ מאָהל גיקענט דעם גראַף אָבער זיינס אַפאַמיליע דורך וועלכען ער וואָלט גיקענט עפּיס אויסווירקען אַטובה פאַר דער פּרוי וועגען. אָבער ער האָט נישט גיקענט זיך דער-מאָנען נישט דאָס ערשטע אין אויך נישט דאָס צווייטע. אין דער פאַר אַז ער איז פאַרטאָגס קוים אַנטשלאָפען געוואָרען איז ער אביסעל שפּעטליך אויפגעשטאַנען אין איז אויך דערבייא נישט אויס גערוהט גיוועזען. נאָכן דאַווינען איז ער געגאַנגען אין שענק אַריין וויא אַלע מאָהל אָבער וויל ער איז דיא נאַכט זייער ווייניג געשלאָפען האָט ער אויסגיזעהן בלאַס אין ער איז גיוועסען אַ פערטראַכטער. פּלוצלונג איז צו איהם אין שענק אַריין געקומען אַגערל זיינער אַ שכן וועלכער האָט זיך הערשט עטליכע יאָהר בעזעצט אין קראָשטשינקע אין האָט זיך אויף גיעפינט אַ שענק אַנטקעגען זיין שענק אין ער האָט מיט איהם שטאַרק געקאָנקורירט בייא וועלכען עס איז נישט איינמאָהל אויסגע-קומען זיך גיט צו קריגען אין זייא זענען זיך גיוועזען שונאים אויפן לעבען. דער ערל האָט איהם געזאָגט זייער אַ פריינדליכען גוט מאָרגען איהם דערלאַנגט דיא האַנד. דער יוד האָט איהם משונה׳דיג אָהנגע-קוקט מה היום מיומים וואָס איז עפּיס דער שכן אַזוי גיט געוואָהרען צו איהם. אָבער דער ערל האָט נישט געוואַרט ביז ער וועט איהם איבער פרעגען נאָר ער האָט זיך אַנידער גיזעצט לעבען איהם. און אָנגעהויבען צו דערציילען ר׳ שמעון יואב׳ן וועגען זיין יעצטיגען וויזיט. היות שוין

עטליכע

עטליכע יאָהר וויא זייא קאָנקורירען זיך איינער מיט דעם צווייטען אין זייא זעגען זיך שונאים אויפן לעבען אָבער דאָס איז נישט קיין אינערליכע שנאה נאָר וועגען פרנסה. אין ווייל ער האָט נעכטען דערהאַלטען אבריף פון זיין ברודער וועלכער איז אַ גראַף אין וואָהנט אין רוסלאַנד אַז ער איז שוין אַנאַלטער מאַן אין איז קינדערלאָז. דאָס ער זאָל קומען צו איהם וועט ער איהם אָבשרייבען זיין גאַנצען פערמעגען וועלכעס בעשטייט פון פיעל דערפער אין הייף. דרובער וועל איך דיא צווייטע וואָך אַוועק פאָהרען פון דאַנען צו מיין ברודער קיין רוסלאַנד אין איך וויל אויס-פערקויפען אַלע איינריכטינגען פון דער שענק וויא אויך דיא איבער געבליבענע סחורה. בין איך דיר געקומען צו וויסען טוען ווייל אַצינד האָט שוין בייא מיר נישט אַזוי פיעל חשיבות דיא עטליכע צעהנדליג ריינעש וואָס איך וועל בעקומען פון אַ צווייטען מעהר וויא בייא דיר אין איך וויל ליבערשט דיר פערקויפען פאַר ווינציגער הונדערט ריינעש כדי דיא זאָלסט נישט האָבען דורך מיר ווייטער קיין קאָנקורענט אין זאָלסט מיין נאָמען נישט דערמאָנען צום שלעכטען. דרובער אויב דיא ביסט איינשטימיג קלאַפ איין אויף דעם געשעפט וועט דאָס אַלעס וואָס געפינט זיך אין דער שענק געהערען צו דיר:

דיעזער פערווינדערט איז ר' שמעון יואב געבליבען פון זיין שכנ'ס ערקלערונג ער האָט גאָר קיינמאָהל נישט געחלומט דאָס ער וועט אַזוי גיך אין גרינג פטור ווערען פון אַזוי אַ שטאַרקען אין פערביסענעם קאָנקורענט. נאָר הערענדיג פון דעם ערל אַז זיין ברודער איז אַ גראַף אין אָהן קינדער אין וואָהנט אין רוסלאַנד האָט איהם עפיס דאָס האַרץ געזאָגט אַז מעגליך דאָה ליגט דער סוד פון דעם הייליגען צאַנזער רבינס בריף דאָס ער זאָל דער רוסישער פרוי אַ טובה טוהן. אין אַז אַ צינד איז אַ וודאי דאָס גילעגענהייט דערצו. צוליעב דעם האָט ער גיפרעגט דעם ערל ווי אַזוי זיין ברודער דער גראַף הייסט און אין וועלכען הויף ער וואָהנט. און הערענדיג זיין נאָמין און וואָהנאָרט האָט ר' שמעון יואב אריין געקוקט אין זיין נאָטעס ביכעל. אָבער ווי פערווינדערט איז ער געבליבען זעהנדיג דאָס טאַקע וועגען דעם זעלבען גראַף האָט דער הייליגער צאַנזער צו איהם געשריבען ווי ער האָט גיזעהן דעם אָפענעם רוח הקודש האָט ער שוין פערשטאַנין דאָס זיינע רייד וועלין ווירקען אין דער זאַך אין ער האָט זיך געוואַנדען צו דעם ערל מיט אַ פאָרשלאַג דאָס אויב אין אמת אריין ער וויל אַז ער זאָל איהם מוחל זיין וואָס ער האָט פון איהם געליטען בין היינט

אין

אין ער זאל זיין נאמין נישט דערמאנען צו קיין שלעכטן פצרלאנגט ער פון איהם נאך א טובה ער זאל טוהן דעם יוד וועלכער איז טאקע ביי זיין ברודער דעם גראף. אין ער האט איהם איבער גיגעבין דעם נאמין פון דער פרוי'ס מאן און אין וועלכען הויף ער וואהנט. דער ערל האט תיכף אב געשריבען א בריף צו זיין ברודער דאס אויב ער פערלאנגט טאקע אין אמת אריין אז ער זאל צו איהם קומען צו פארען זאל ער דעם יוד וועלכער איז גיוועזין ביז היינט ביי איהם א מעקלער צוריק נעמען ווי אויך אלע יודישע ארענדארען אויף ווייטער אינטער צו שרייבען די קאנטראקטען ווייל אהן יודען איז גאר נישט דאה וואס צו מאכען. אין ער האט ר' שמעון יואב'ן גיגעבין דעם בריף ער זאל איהם שיקען צו זיין ברודער. ווייל ביז עס וועט קומען תשובה אויף דעם בריף וועט ער זיך נישט רוהרען פון זיין ארט. ר' שמעון יואב האט איהם זייער געדאנקט פאר דעם בריף אין ער האט געשיקט נאך דער פרוי אין איהר דערציילט וואס דאה איז ביי איהם פאהר געקומין אין אז ער האפט דאס מיט השי"ת הילף איז זי שוין א געהאלפענע נאר פונדעסט וועגען האבען זיי בעשלאסען צו ווארטען ביז דער ערל וועט דערהאלטען תשובה ווייל טאמער דארף מען נאך עפיס מיט איהם צו ריידען. נאך וואס זאל זיא מאכען אומזוינסט הוצאות. אבער נאך איידער עס איז אהן געקומין דעם גראפ'ס תשובה צו זיין ברודער האט דיא פרוי דערהאלטען אנ'איבער געשיקטע טעלעגראמע פון צאנז וועלכעס איהר מאן רעכענדיג דאס זי געפינט זיך נאך ביים רבי'ן האט ער אויפ'ן רבינ'ס אדרעס איהר געקלאפט א טעלעגראף דאס זי קען שוין א היים קומין ווייל עס איז שוין אלעס אין ארדענונג. די משמשים דערהאלטענדיג די טעלעגראמע י האבען דאס דערציילט דעם רבי'ן וועלכער האט זיי גצהייסען תיכף איבער שיקען קיין קראשטשינקא צום שענקער ר' שמעון יואב. די פרוי האט זיך זייער געפרייט אין האט געדאנקט ר' שמעון יואב'ן וואס ער האט זיך פער אינטערעסירט מיט איהר גורל אין דורך איהם האט איהר השי"ת געהאלפען. אין האט זיך צו געגרייט צום אהיים פארען. אבער איידער זי האט נאך פערלאזט ר' שמעון יואב'ס הויז איז דער ערל דעם גראפ'ס ברודער אריין געקומין אין ער האט דערלאנגט ר' שמעון יואב'ן א בריף וואס ער האט נאר וואס דערהאלטין פון זיין ברודער דעם גראף אין וועלכען ער מעלדעט איהם דאס ער האט זיך איבערצייגט אין זיין אויפריכטיגע עצה און אין דעם ערליכ-קייט פון דעם יוד דעם מעקלער. וועלכען ער האט דערוויטערט דורך

דער

דער עצה פון די פּאַרנאַטישע גלחים. אין ער האָט זיך אָרום געקוקט דאָס פון דער צייט אָהן האָט ער געהאַט גרויסע היזקות. דרובער האָט ער טאַקע אַלע יודישע קאָנטראַקטען נאָך צו גישענקט אַ הויז מיט אַ שטיק פעלד אין צוויי קוה פאַר דעם שאָדען וואָס ער האָט געהאַט אין דער צייט וואָס ער האָט איהם אָבגעזאָגט. די פרוי האָט זיך מיט ר׳ שמעון יואב׳ן זייער פריינדליך גיזעגענט אין איז אַריין געפאָרען קיין צאַנז צום רבי׳ן דאַנקען איהם פאַר דעם נס וואָס השי״ת האָט איהר געטוהן אין רבינ׳ס זכות. דער זכות פון די צדיקים זאָל אונז ביי שטיין מיר זאָלין געהאָלפען ווערען מיט אַלעם גוטען אין זוכה זיין צו דער גאולה שלימה במהרה בימינו אמן.

---

# אַווינדערליכע ערצעהלונג פון דעם הייליגען צאַנזער רבין זכרונו לברכה.

אין גאַליציע איז דער הייליגער צאַנזער רב זכרונו לברכה גיוועזען זייער געאַכט נישט בלויז ביא יודען נאָר אויך ביא נישט יודען און אין פאָרפאַלען פלעגט זיין דיעה דעצידירען אפילו אין דיא היבזיכטען וואָס עס האָט אָנגערוהרט גאַנצע דערפער. האָבען זייא זיך געוואָנדען צום הייליגען ראבין אין אַזוי וויא ער האָט געזאָגט האָט קיינער נישט געוואַגט אַנדערשט צו מאַכען. אַזוי האָט זיך איינמאָהל אין אַדאָרף לעבען לימאַנאָוו געטראָפען דאָס דער דאָרטיגער אָרענדאַר ר׳ יהושע הורוויץ וועלכער איז גיוועזען אַ יוד אַ גביר אין את״ח אין זייער באַליבט אין דעם גאַנצען דאָרף פאַר זיין רעיעל האַנדלונג מיט יעדען איינציגען. אין אַבוואָהל עס איז אין דעם דאָרף גיוועזען נאָך צווייא גישט יודישע שענקען האָט דער ר׳ יהושע אין זיין שענק מעהר געלייזט פון זייא ביידע. דיא נישט יודישע שענקערערס פלעגען אַלע מאָהל אויסזיכען אינטריגעס אויף דעם יוד אָבער זייא האָבען קיין ערפאָלג נישט געהאַט. מאַכט זיך אַמאָהל אַז זינטאָג איז אַקאַלער פון דעם דאָרף אַריינגאַנגען צו דעם ר׳ יהושיע אין שענק אין גיבּרענגט אַ קוויטעל פון דעם פריץ אַז ר׳ יהושע זאָל אויס צאָהלען אויף זיין קאַנטי פינף אין צוואָנציג רייניש. ר׳ יהושע האָט דעם קאַלער באַלד געוואָלט דיא סומע אויסצאָלען אָבער ער האָט איהם

ערקלערט

ערקלערט דאָס ער בייט אַצינד אין טומאה אריין אין ער וועט אָבטרעטען בייא איהם צוריק וועגס וועט ער דאמאָלסט ביא איהם נעמען דאָס געלט. עס איז טאַקע אַזוי גיוועזען אין אַצווייא שעה שפּעטער איז דער קאַלער נאָך אַמאָהל אריין געקומען אין בעגלייטונג פון עטליכע פויערען אין פויערטים. ר׳ יהושע האָט איהם גיגעבען דיא פינף אין צוואַנציג רייניש אין ער האָט זיך דאָס געלט אַריין געלייגט אין ביטעל אריין. דערנאָך האָט ער זיך אַנידער גיזעצט מיט זיינע בעגלייטער טרינקען אין זייא האָבען אַזוי געשיכורט ביז נאַכט עס איז שוין טינקעל געוואָרען זעגען זייא אַוועק געגאַנגען אַהיים. אָבער נאָך האַלבער נאַכט איז דער קאַלער געקומען אין ער האָט אָנגעקלאַפּט ביא ר׳ יהושע מען האָט איהם גיעפינט אין ער איז אַריין געקומען זייער אויפגירעגט ערקלערונדיג ר׳ יהושע׳ן דאָס דיא פינף אין צוואַנציג רייניש וועלכע ער האָט איהם גיגעבען האָט ער שוין גיט געזיכט אין זיין ביטעל אין ער האָט זייא נישט געפינען דרובער איז ביי איהם זיכער דאָס ר׳ יהושע האָט איהם דאָס געלט צוריק אַרויסגענומען ווייל דיא אלע מענטשען מיט וועלכע ער האָט געטרינקען זענען ערענטליכע לייט אין זייא האָבען זיכער ביא איהם דאָס געלט נישט אַרויסגענומען, אין דרובער איז נישט אַנדערש נאָר ר׳ יהושע האָט צוריק דאָס געלט ביא איהם צו גענומען בשעת ער איז שיכור גיוועזען. ר׳ יהושע האָט איהם געזאָגט דאָס ער הייבט גאָר נישט אהן צו וויסען פון דעם געלט אין ער האָט זיך געשוואָהרען מיט כל מיני שבועות אז ער האָט דאָס געלט נישט גענומען אין ער ווייסט גאָר נישט דערפון אָבער דער ערל האָט איהם גערדראָהט דאָס אויב ער וועט איהם נישט אָב געבען מיט גוטען וועט ער מוזען אָב געבען מיט בייזען אין ער וועט דערנאָך גיט חרטה האָבען דרויף:

אין יענער צייט איז פינף אין צוואַנציג רייניש גיוועזען אַגרויסע מטבע אין נאָך דערצו האָט זיך ר׳ יהושע געטראַכט דאָס אויב ער וועט געבען דעם קאַלער נאָך אַמאָהל קען ער דערמיט נאָך אויפרייצען זיין אַפּעטיט ער זאָל אינטער פערשידענס אויס טראַכטונגען פון איהם אַלע מאָהל פאָדערען געלט דרובער האָט ער דעם ערל נאָך אַמאָהל איבערגיבעטין מיט גוטען דאָס ער זאָל זיך אַליין דערמאַנען וויא ער האָט דאָס געלט אַוועק געלייגט אָדער אפשר האָט ער דאָס געלט גאָר פאַרלוירען אויפן וועג אַהיים גייענדיג אין אַשיכורן צושטאַנד. דרובער זאָל ער אין דער פריא גיין צום סאָלטעס אין איהם בעטען דאָס ער זאָל הייסען פויעקען אפשר האָט עמיצער געפינען דאָס געלט. דער ערל האָט דערווייל זיך

מיט

מיט דיא גוטע רייד בערוהיגט. אָבער אין דער פריא וויא ער האָט דאָס דערציילט זיינע שכינים. צווישען וועלכע עס איז טאַקע געוועזען איינער אפויערטע וואָס האָט ביי איהם דאָס געלט אוועק געגאַנבעט בשעת ער אין שיכור געוועזען. האָט זי איהם אָנגעהויבען אינטער צו העצען דאָס דער יוד האָט איהם פערגעוויס דאָס געלט ארויס גענומען ווייל אַז נישט וואָלט דער וואָס האָט דאָס געלט געפינען עס איהם אָבגעגעבען. באַלד זענען אויף דערפון געוואָהר געוואָרען דיא צווייא נישט יודישע שענקערס האָבען זייא הערשט רעכט אָהנגעהויבען צו אַגיטירען דיא פויערען אויף דעם יוד. בקיצור עס איז פערבליבען בייא אַלע פויערען פון דאָרף אַז קיין אַנדערער האָט דאָס געלט נישט גענומען נאָר דער יודישער שענקער אין דרובער דאָרף מען שוין צו איהם קיין צוטרוי נישט האָבען אין אויפהערע ביי איהם צו קויפען. דיא צווייא שענקערס האָבען נאָך מעהר געטוהן זייא האָבען אַנידער געשטעלט עטליכע יונגע שקצים וועלכע האָבען אָבגעקוקט ווי נאָר עס האָט זיך דערנעהנטערט עפיס אַפויער אפילו פון אַצווייט דאָרף צו ר׳ יהושע׳ס שענק האָבען זייא איהם דערציילט דאָס דער יוד איז אַגנב ער האָט בייא איין פויער וועלכער האָט געטרינקען בייא איהם אין שענק צו געגאַנבעט פינף אין צוואַנציג רייניש. אין דאס גאַנצע דאָרף האָט בעשטעטיגט צו דעם יוד נישט אריין צו טרעטען. בעזינדער האָבען זייא אָב געוואַרט ר׳ יהושע׳ן אַליין אין וויא נאָר ער האָט זיך דערוועגט ארויס צו גיין האבען זיי איהם נאָך געשריגען גנב אין אַזעלכע שעהנע נעמען. ר׳ יהושע האָט געהאַט דערפון גרויסע חרפות אין בושות אויסער דעם איז טאַקע קיינער צו איהם נישט אריין געגאַנגען קויפען אין ער האָט געהאַט אַגרויסען מאַטריעלען שאָדען. אין ער אַרובער געפאָרען צום הייליגען צאַנזער רבין אָב גיגעבען אַקוויטעל מיט אַפדיון. דער רבי האָט איהם בערוהיגט אַז דער גנב וועט אַליין אויסזאָגען אין דערנאָך אַז דיא ערלים וועלען זיך איבערצייגען אין זיין אונשולד וועלען זיי איהם איבער בעטען אין זייא וועלען איהם נאָך מעהר געבען צו לייזען וויא פרוהער. ר׳ יהושע האָט זיך גיזעגענט אין ער איז אַהיים געפאָהרען אַפערזיכערטער אַז השי״ת וועט איהם אוודאי העלפען. אָבער שוין אויפן וועג האָט ער גיזעהן אַז דעם רבינ׳ס ווערטער זעגען הייליג אין וועלען מיט השי״ת הילף מקוים ווערען. ווייל פאָהרענדיג צוריק האָט ער געטראָפען אַ דעלעגאַציע פון דאָרף וועלכע זענען געפאָהרען קיין צאַנז. דאָס איז געוועזען דער קאַלער וועלכער האָט זיך געמאָהנט ביי ר׳ יהושע׳ן

די פינף און צוואַנציג רייניש מיט דעם סאַלטעס און שרייבער פון דער גמינע. וועלכע זענען געפאָהרען צום רבי׳ן קיין צאַנז צו פערקלאָגען ר׳ יהושע׳ן דאָס ער האָט בעגנבעט א קונה וועלכער גיט איהם שטענדיג צו לייזען פינף און צוואַנציג רייניש. און דער מענטש איז אַן אָרימער וועלכער האָט ימים שוויס זיך פערדינט אויף פרנסה. און יעצט איז ער געבליבען אָהן מיטלען זיך און זיין בני בית צו דערנעהרין. ר׳ יהושע האָט שוין פערשטאַנען דאָס דער רבי וועט זיי איבער צייגען און זיין אונשילד. אזוי איז טאַקע געוועזען ווי זיי זענען אריין געקומען צום רבי׳ן און האָבען איהם פאָרגעלייגט זייערע טענות פון ר׳ יהושע׳ן האָט זיי דער רבי געזאָגט איהר זאָלט וויסען אַז ר׳ יהושע האָט דאָס געלט נישט געגאַנבעט נאָר א פויערטע וועלכע איז צו זאמ׳ן מיט אייך געוועזען און אַז איהר וועט האָבען אויף זיך א גרויסען עונש דערפאַר וואָס איהר האָט ר׳ יהושע׳ן חושד געוועזען און איהם אומזונסט פערשאַפט אזוי פיעל עגמת נפש און א געלט שאָדען. די פויערים וועלכע האָבען געהאַלטען זייער שטאַרק פון דעם רבי׳נ׳ס ריד האָבען זיך פערענטפערט דאָס זיי זענען נישט אזוי פיעל שולדיג דרונען נאָר אַז די צוויי שענקעס האָבען זיי און דאָס גאַנצע דאָרף אינטער געהעצט. און אַז זיי זענען אויף זיך מקבל ר׳ יהושע׳ן איבער צו בעטען און איהם דערפאַר צו בעפרידיגען. נאָר דער רבי זאָל אזוי גיט זיין זיי צו זאָגען ווער די גנב׳טע איז. דער רבי האָט זיי ערקלערט אַז אזעלכע זאכען טאָהר מען נישט זאָגען כל זמן מען זעהט נישט מיט די אויגען. נאָר ער זאָגט זיי צו דאָס דעם צווייטען טאָג וועלען זיי אַליין געוואָהר ווערען וויל דער גנב אַליין וועט די גנבה מוזען אָבגעבען. די פויערים זענען אהיים געפאָהרען און א דורך פאָהרענדיג פאַר ר׳ יהושע׳ס שענק ווי די קליינע שקצים זענען געשטאַנען און אגיטירט פאַר דעם אַז קיינער זאָל נישט אריין גיין צו דעם גנבה׳שען יוד און דער שענק אריין האָבען זיי די שקצים אוועק געטריבען און שטרענג פערבאָטען דאָס פון א צינד אָהן זאָלען זיי נישט וואגען דעם יוד צו טשעפען און זיי אַליין זענען אויין געגאַנגען צו ר׳ יהושע׳ן און האבען איהם זייער שטאַרק איבער געבעטען ער זאָל זיי מוחל זיין אויף די חרפות און בושות וואָס ער האָט דורך זייא געמוזט אויסשטיין ביז היינט און זייא האָבען איהם צו געזאָגט דאָס זייא וועלען איהם פערגיטיגען דעם שאָדען וואָס ער האָט געהאַט דורך זייא איבער דער צייט:

זעלבסטפערשטענדליך

**ועלבסטפערשטענדליך** דאָס ר׳ יהושע האָט זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטען ער האָט זייא מוחל געוועזען אין דערבייא צו געווינטשען דאָס דיא גניבה זאָל זיך וויא אמשנעלסטען אומקערען צו דעם געליטענעם. זייא האָבען דאָרט אַביסעל פערבראַכט. דערווייל איז געוואָרען שפעט בייא נאַכט אין זייא זענען אהיים געגאַנגען וויא זייא האָבען דיא אַלע פויערים וואָס זייא האָבען געטראָפען אויפן וועג דערציילט דאָס זייא זענען געוועזען בייא דעם ראַבין אין צאַנז וועלכער האָט זייא געזאָגט אַז דער שענקער ר׳ יהושע האָט נישט געגאַנבעט דיא פינף אין צוואָנציג ריינעש נאָר אַפויערטע פון דאָרף אין ער האָט זייא פערזיכערט דאָס צומאָרגענס וועלען זייא געוואָהר ווערען. ווייל דיא גנבטע וועט אַליין אויס זאָגען. אַלע פויערים האָבען געגלייבט אין דער ריכטיגקייט פון דער זאַך. אין דרובער וויא דיא גנבטע איז דערפון געוואָהר געוואָהרען איז זיא באַלד אַרובער געלאָפען צו דעם דאָרפישען גלח וואָס איז געוועזען אַגרויסער אנטיסעמיט אין איבערהויפט האָט ער געטראָגען אַגרויסען האַס אויף דעם היילינגען צאַנזער רבי׳ן ווייל די פויערים אַלע האָבען פערטרויעט דעם רבי׳ן אין נישט איהם. זייא האָבען כמעט פון איהם גאָר נישט געהאַלטען. אין זיא האָט זיך פאַר איהם מתוודה געוועזען דאָס טאַקע זיא איז דיא גנבטע וועלכע האָט בייא דעם קאַלער דיא פינף צוואָנציג ריינעש אַרויסגעגנבעט. אין וויא געוועהנליך אַלע גנבים וועלכע זענען מלא תירוצים האָט זיא אויך אויף דער גניבה געפינען אַ תירוץ דאָס זיא האָט נישט געמיינט צו גנבינען צוליעב געלט נייטיקייט וואָרען זיא דאַרף גאָר נישט האָבען דאָס געלט אין עס ליגט פון דאַמאָלסט אָהן בייא איהר בעהאַלטען אפילו אין דעם זעלבען פאַפיר וואָס עס איז געוועזען איינגעוויקעלט נאָר זיא איז דערמיט אויסען געוועזען גאָהר אַהויכען אידעאַל. היות זיא האָט געזעהן דאָס אַלע דאָרף פויערים גייען נאָר טרינקען אין דער יודישער שענק אין דער צייט ווען עס איז דאָה אין דעם דאָרף צוויא שענקען פון זייערע אייגענע גלויבענס גענאָסען. דרובער האָט זיא דאָס געלט אַרויס גענומען כדי צו מאַכען אַ בלבול אויף דעם יודישען שענקער אַז ער האָט דעם קאַלער בעגנבעט אין דערנאָך האָט זיא אַליין דערמיט גיהעצט דיא דאָרפס פויערים מעהר נישט אריין צו טרעטען צו דעם יוד אין שענק אריין. אין עס איהר טאַקע בעלונגען דאָס פון דאַמאָלסט אָהן איז קיין שום פויער אפילו פון קיין אנדער דאָרף נישט אַריין גיטרעטען צו דעם יוד אין שענק אריין. נאָר זענען

זענען אלע בעגאנגען אין דיא צווייא שענקען פון זייערע אייגענע ברודער. אָבער אצינד האָט זיא געהערט דאָס דער געליטענער קאלער איז אין בעגלייטונג פון סאָלטעס אין שרייבער געוועזען ביים ראבין אין צאנז ווי ער האָט זיך פערזיכערט אז דער גנב וועט אליין זיך מעלדין אין וועט אָב געבען די גניבה. דרובער איז זי געקומען פרעגען דעם גלח אַן עצה וואָס זי זאָל טוהן ווייל פילייכט קען טאקע דער ראבין זי שעלטען. דער גלח וועלכער איז ווי געזאגט געוועזען אגרויסער אנטיסעמיט אין דעם הייליגען צאנזער רבי'נ'ס א פערזענליכע שונא האָט די פויערטע אויסגירעדט דאָס זי האָט גאָר נישט וואָס קיין מורא צו האָבען פאר דעם ראבין אין האָט זייער געלויבט איהר טהאָט וועלכע זי האָט געטוהן מיט א הייליגען צוועק צו אומקערען דאָס הארץ פון די פערבלאָנדזיטע פויערען זיי זאָלין שוין נישט קויפען ביי דעם יוד וועלכער איז זייער בלוטיגער שונא. אין דערביי בעדויערט וואָס עס האָט זיך ארייגעכאפט אזוי אַן אפיקורסיש צווישען די פויערען דאָס זיי בעזוכען נישט די טומאה אין אנשטאט צו בעראטען זיך מיט זייער גייסטליכען פאָהרען זיי גאָר צו א יודישען ראבין:

די פויערטע איז פון דעם גלח'ס רייד בערוהיגט געוואָהרען אין איז א היים געגאנגען. אָבער פלוצלינג אריין קומענדיג אין שטיב ארייין האָט זי אָנגענומען א ציטעריניש דאָס אלע צייין האָבען איהר אָנגעהויבין צו קלאפען זי האָט זיך געוואָלט מיט די לעצטע קרעפטען אייבהאלטען אז די שטיב מענטשען זאָלין נישט זעהן איהר צרה אָבער עס איז איהר נישט געלונגען בשום אופ'ן. די קינדער האָבען תיכף געאיילט צו רופען זייער פאָטער אין דער ווייל זענען זיך אויף צו זאמען געלאָפען די שכינים צווישען וועלכע עס איז אויך געוועזען דער געליטענער קאלער וואָס זי האָט איהם בעגנבעט דאמאָלסט די פינף אין צוואָנציג גילדען אין זיי האָבען גיזעהן די שרעקליכע יסורים וואָס זי האָט געהאט יעדען אבר האָט זיך אין איהר געוואָרפען אין זי האָט בשום אופ'ן נישט קיין וואָרט גיקענט ארויס ריידען. דער קאלער האָט זיך באלד בעחאפט דרויף וואָס דער רבי האָט געזאגט דאָס א פויערטע האָט ביי איהם דאָס געלד ארויס געגנבעט אין זי וועט אליין מוזען אָב געבען אין דערמאנענדיג אז טאקע די אייגענע פויערטע איז דאמאלסט מיט זיי געוועזען אין שענק האָט ער שוין פערשטאנען וואָס דאָה קומט פאָר אין אז דאָס איז אויף איהר געקומען דורך דעם זי זאָל זיך מודה זיין צו דער גניבה. דערוייל איז דער פויערטעס מאן אָנגעקומען. דער קאלער

איז תיכף צו איהם צו געגאנגען אין ער האט איהם דערציילט זיין השערה אין דער פויער האט אויך פערשטאנען אז דאס איז דער עונש פון דעם וואס זי האט געגנבעט. האט ער גיבעטען דעם קאלער אז ער זאל שטיין פון דער הייטענס בעוויל עס קען איהר נאך ערגער ווערען ווען זי וועט איהם דערזעהן. אין ער איז אליין צו געגאנגען צו איהר אין געזאגט די זאלסט וויסען אז דאס איז אויף דיר געקומען אנ׳עונש וואס דער ראבין האט אנגעשיקט ווייל די האסט פערגעוויסט בעגנבעט דעם קאלער אין ארויף געווארפען די שולד אויף דעם יודישער שענקער דרובער אויב דיא ווילסט לעבען אין אויך נישט ברענגען קיין אומגליק אויף מיר אין אויף דיינע קינדער זאלסט דיא תיכף אויסזאגען וויא דיא האסט דאס געלט אהין געטוען. דיא פויערטע האט נישט געוואגט אפילו זיך אנטקעגען צו שטעלען אין נישט קענענדיג ריידען האט זיא אנגעוויזען מיט דער האנט אויף אלאך לעבען דער שוועל. דער פויער איז באלד צו געלאפען צו דער שוועל אין ער האט פון דעם לאך ארויס גישלעפט אפאפיער אין וועלכען עס איז גילעגען איינגעוויקעלט פינף אין צוואנציג רייניש ער האט צו געדופען דעם שכן דער קאלער אין ער האט איהם דאס געלט אהעק גיגעבען אין דער זעלבער צייט האט זיך פון דער פויערטע אבגעטהון דאס ציטערניש אין זיא איז אויפגעשטאנען געזינד אזוי ווי אלע מענטשען דיא זאך איז באלד בעוואסט געווארען אין גאנצען דארף אין עס איז דערפון ארויס געקומען אגרויסער קידוש השם. דיא פויערען זענען אלע ארובער געגאנגען צו ר׳ יהושע׳ן אין זייא האבען איהם איבער גיבעטען אויף דיא עגמת נפש וואס זייא האבען איהם אנגעטהון אין דער גאנצער צייט אין האבען זיך געהייסען געבען ווין אין בראנפען אין זייא האבען דארט אגאנצע טאג געטרינקען. ר׳ יהושע האט בייא זייא פון דאמאלסט אהן גיט פערדינט אין זיי האבען צו איהם נאך געקרוגען מעהר צוטרוי וויא פרוהער. אין זיי זענען אויך געפאהרען קיין צאנז אין געדאנקט דעם רבין פאר דעם וואס ער האט זייא פערמיטען פון אומזונסט שלעכטס טוען ר׳ יהושע׳ן אין אויך דיא פויערטע איז מיט זייא מיט געפאהרען אין האט גיבעטען דער רבי זאל איהר מוחל זיין אין צו געזאגט דאס פון היינט אהן וועט זיא שוין קיין שום יוד נישט קיין שלעכטס טוען. דער זכות פון הייליגען צאנזער זאל אונז בייא שטיין מיר זאלען געהאלפען ווערען מיט אלעם גוטען אין מיר זאלען זוכה זיין צו דער גאולה שלימה במהרה בימינו אמן:

# אוינדערליכע ערצעהלונג פון דעם הייליגען צאנזער רבין זכרונו לברכה.

דיא מצוה פון צדקה איז ביי דעם הייליגען צאנזער רבין זכרונו לברכה גיוועזען איינע פון דיא זאכען וועלכע ער האט מקיים געוועזען מיט מסירת נפש מיין ווי דער נאטירליכער פערשטאנד. ער האט דאס גאנצע געלט פון פדיונים צו טיילט אין ווען ער האט שוין ניט געהאט קיין געלט האט ער זיך געבארגט וויא ער האט נאר גיקענט ער האט אלע זיינע ווערטפולע חפיצים פער משכונט אין צוטיילט דאס געלט אויף צדקה. אין ווען נישט וואס דיא גבירישע חסידים פלעגען דער רביצין בעזונדער געבען אויף שטיב הוצאות וואלטען זייא נישט גיוועזען געהאט פון דעם וואס דער רבי האט גיגעבען אפילו בצימצום דעם טאג איבער צו לעבען. אין נישט ווייל ער האט ווינציג געלט בעקומען פון זיינע חסידים, אדרבה זייא האבען זייער פיעל גיגעבען. אין איינמאהל איז דער פאסט נאטשעלנק גיוועזען בייא איינעם פון דעם רבינ׳ס מקורבים אין מען האט געשמיעסט וועגען דעם רבי׳ן האט דער פאסט נאטשעלניק וועלכער האט נישט געוואסט פון דעם רבינ׳ס גרויסע פזרונות גיפרעגט דעם חסיד וויא טהוט אייער רבי אהין אזוי פיעל געלט. דער חסיד האט איהם גיפרעגט פון וואנען ער ווייסט דאס דער רבי האט אסאך געלט האט ער איהם גיענטפערט דאס ער וואלט אבגעקויפט דאס געלט וואס קומט איהם אהן יעהרליך אויף דער פאסט פאר אכטציג טויזענד קראהן אין ער וואלט דערבייא גוט פערדינט דאס ער וואלט געהאט מעהר וויא דיא פענסיע. חוץ וואס דער עולם וואס איז געקומען צו פאהרען אין האבען איינגענדיג איבערגיגעבען זייערע פדיונים. איינמאהל ערב סוכות וואס דאמאלסט איז זיין פזרונות גיוועזען איבערשטייגענד מעהר וויא דאס גאנצע אזוי וויא עס ווערט גיברענגט אין דיא הייליגע ספרים דאס ערב סוכות איז אמצוה צו געבען צדקה מיט אברייטע האנד מעהרן וויא אגאנץ יאהר. האט ער שוין געהאט צו טיילט דאס גאנצע געלט פון דיא פדיונים. אין אויך זיך אנגעבארגט וואס ער האט נאר געקאנט. האט ער געשיקט פערזעצען אלע זיינע טייערע חפיצים אפילו דעם קידוש בעכער אין ער האט דאס געלט צוטיילט דערנאך האט ער געהייסען צו זיך אריין רופען דיא גבירישע חסידים אין זייא געזאגט דאס עס פעהלט איהם נאך צו אכט הינדערט קראהן צו דעם מספר וואס ער דארף היינט צו טיילען

אויף

אויף צדקה אין דרובבער בעט ער דאס זיא זאלען איהם זעהן דאס געלט צו שאפען ווייל ער וועט נישט גייען אין סוכה אריין ביז ער וועט דאס געלט האבען צו טיילט. האט איהם איינער פון דיא קינדער גיפרעגט טאטע! איך האב אין קיין שום ספר נישט גיזעהן אז עס זאל זיין אחיוב צו געבען צדקה נאך דעם וויא מען האט שוין קיין פרוטה נישט. און האט שוין אלע שטיב זאכען פערמשכונט. האט זיך דער רבי אויף איהם גוט געבייזערט אין געזאגט וויא געפינט זיך נאך אז אזוהן זאהל זיין אזוי ארוצח אויף זיין פאטער דיא זעהסט דאך אז עס אין מיר נישט דאה קיין ריח תורה אין קיין טעם יראה. אין דיא איינע מדה טובה פון צדקה ווילסטו פון מיר אויך אוועק נעמען. ער האט איהם נישט געפאלגט נאר ער האט דיא אכט הונדערט קראהן צו טיילט נאך פארנאכט:

און נישט בלויז ער אליין האט גיגעבען אזוי פיעל צדקה נאהר ער האט גיזעהן אויף אנדערע זאלען געבען בפרט נאך ווען עס האט זיך געהאנדעלט וועגען אטובה טוען אנארימאן האט ער געוויזען אז מען איז נישט יוצא בלויז מיט געבען אנדבה נאהר אז מען דארף זיין כבוד אויף אוועק געבען פאר אנארימאן. אזוי איז איינמאהל צו איהם אריין געקומען פרייטיג פאר נאכט אנארימע יודענע אין געוויינט דאס עס איז שוין שפעט אין זיא האט נישט קיין פרוטה פאר וואס שבת צו מאכען. האט ער זיא גיפרעגט וואס איהר טוען איז און פון וואס זיא לעבט אגאנצע וואך. האט זיא געזאגט דאס זיא שטעהט אין מארק מיט עפעליך. אין היינט האט זיא געטראפען אגעמיינעם קאסטען עפיל דרובער האט זיא היינט נאך גאר נישט געלייזט ווייל יעדער וואס קוקט אהן דיא עפיל זאגט ער אז זיי זענען געמיין אין גייט אוועק קויפען ערגיץ אנדערש. דער רבי האט זייער מיט לייד געהאט מיט דער יודענע אין ער האט זיך תיכף אנגעטוען די ראדזיווילקע אין געהייסען דיא יודענע זאל איהם וויזען וויא איהר שטעלע איז מיט דיא עפיל. האט זיך דער רבי אליין אנידער גישטעלט אין געשריגען וועל וויל קויפען עפיל! דער עולם וואס איז דער פון געוואהר געווארען איז תיכף געקומען צו לויפען אין מען האט ביים רבי'ן אויסגעקויפט דיא עפיל נישט קוקענדיג אויף זייער ווערט נאר וויפיעל איינער האט גיקענט האט ער גיגעבען דעם רבי'ן צוליעב. און אין אקליינע ווילע זענען אלע עפיל אויספעו'קויפט געווארען צו טייערע מקחים וויא דיא בעסטע אויסלענדישע פרוכטען. אין ער האט

דאס

דאָס געלט איבער געגעבען דער אָרימער הענדלערקע. אין ער האָט איהר געזאָגט זעהט אַז דיא עפיל זענען זעהר גוט געוועזען נאָר דער פרוהרדיגער עולם איז קיין מבין דרויף נישט געוועזען. אזוי האָט ער אויסגעניצט זיין כבוד צו ראַטיוועז אַנאָרימע הענדלערקע. אין פאַרקערט פלעגט ער אויסנוצען זיין כבוד וויא עס האָט זיך געהאַנדילט וועגען מצמצם זיין אין דיא אייגענע הוצאות. איינמאָהל איז אַריין געקומען צום רבי'ן אַנאָרים מיידעל אין געוויינט דאָס ביא איהרע אַ קרובה איז היינט אַ חתונה אין זיא האָט נישט קיין לייטישע פאָהר שיך אין וואָס צו גיין אויף דער חתונה האָט זיא דער רבי גיפרעגט אויב היינט איז שוין דיא חתונה ווען ווערט מען דיר קענען מאַכען שיך. האָט דאָס מיידעל גיענט־פערט דאָס פאַר נאָך צווייא קראַן טייערער בעקומט מען צו קויפען גרייטע שיך. האָט דער רבי זיא גיפרעגט וויפיעל עס דאַרף קאָסטען אין ער האָט תיכף אַרויסגענומען געלט אין איהר געגעבען. פונקט האָט דאָס בייגעוואָהנט דעם רבינס אַנאייניקעל אַמיידיל אויך אין דיא זעלבע יאָהרען וואָס דאָס אָרימע מיידעל איז געוועזען. האָט זיא זיך געוואָנדין צו איהם. זיידע ! איך האָב דאָך דיך אויף ישוין וויפיעל מאָהל גיבעטען אַז דיא זאָלסט מיר געבען אויף אַ פאָהר שך אין דיא ענטפערסט אַלע מאָהל אַנאַנדערען תירוץ אָדער דיא האָסט נישט אָדער אַז מען דאַרף נישט. אין אַצונד זעה איך דאָך אַז דיא האָסט געלט און דיא האָסט פערשטאַנען אַז מען דאַרף האָבען אַלייטישען שיך אויף אַחתונה וואָרען דיא האָסט דאָך דעם מיידעל גיגעבען. דרובער דיא אַנדערע וואָך וועט זיין ביא אונזער שכן אַ חתונה און איך האָב נישט קיין לייטישע שיך גיב מיר אויך געלט וועל איך מיר מאַכען בעצייטענס אַ פאָהר שיך וועט דיך קאָסטען ביליגער וויא קויפען גרייטע אין גיוועלב אָבער דער רבי האָט איהר אָבגעזאָגט אויך אַ צינד. ערקלערינדיג איהר דאָס זיא אַלעס דעם רבינס אייניקעל דאַרף זיא נישט קיין שענערע שיך מען וועט זיא אזוי אויך גאַנץ שעהן אויף נעמען. אָבער דאָס אָרימע מיידעל וויא באַלד זיא וועט נישט גיין לייטעש וועט מען זיך מיט איהר שעהמען אויף דער חתונה דרובער מוז זיא האָבען אַפאָהר שעהנע שיך. דאָה האָט ער אויסגעניצט זיין כבוד איינצוקארגען פאַר זיינע קינדערס הוצאות וועגען :

**אַ בעזונדערע** ליבשאַפט האָט דער הייליגער צאַנזער אַרויס געוויזען צו די אייניקלעך פון דעם הייליגען רבי'ן ר' אלימלך זכרונו לברכה. אין איינמאָהל איז דער רבי נפתלי פון ליזענסק געקומין

אויף שבת קיין צאַנז האָט איהם דער רבי זייער שטאַרק מכבד געווען. אין נאָך שבת אַז ער איז אַהיים געפאָהרען האָט מען גענויטיגט צו פאָהרען דורך גורליץ. אין אַריינקומענדיג קיין גורליץ זענען זיי פאַרפאָהרען צו ר' בצלאל'ן איינער פון די חשובע צאַנזער חסידים. אָבער ווי פערוואונדערט זענען זיי געוואָרען זעהנדיג דאָס דער הייליגער צאַנזער רב פאָהרט אויך דאָרט אַריין ווייל ער איז געפאָהרען דעם רבי'ן ר' נפתלי באַגלייטען אין ער האָט אָנגעזאָגט דעם בעל עגלה אַז ער זאָל זיך אויף דעם וועג אַזוי היטען דאָס דער רבי נפתלי זאָל זיי נישט באַמערקען. ווי עס איז בעוויסט געוואָהרען אין שטאָט דאָס די צוויי צדיקים זענען געקומען צו פאָהרען האָט זיך צונויף גענומען אַגרויסער עולם וואָס זענען געקומען שלום נעמען. אָבער דער הייליגער צאַנזער האָט זיי ערקלערט אַז ער וועט ביי קיינעם נישט קיין שלום נעמען ביז ער וועט געבען אַ נדבה פאַר'ן רבי'ן ר' נפתלי'ס וועגען אין ער האָט צוזאַמען גענומען אַגרויסען סכום אין איבער געגעבען דעם רבי'ן ר' נפתלי דערנאָך האָט ער זיך הערשט מיט איהם געזעגענט אין איז צוריק אַהיים געפאָהרען:

איינמאָהל איז געקומען צום רבי'ן איינער פון דעם הייליגען רבי'ן ר' אלימלך'ס אייניקלעך אין זייער געוויינט דאָס ער האָט אַ טאָכטער שוין אין די עלטערע יאָהרען אין ער קען קיין שידוך נישט טוהן ווייל ער פערמאָגט נישט קיין פרוטה אין ער מיט זיין בני בית האָבען נישט קיין מלבושים אפילו ארויס צו קומען צווישען מענטשען. האָט איהם דער רבי גיפר[illegible]ך דאָס זעלבע פון דיר שוין גיהערט פאַר דריי יאָהר אין אין האָב [illegible]יר דאַמאָלסט גיגעבין עטליכע הינדערט רייניש אין אויך פאַר צוויי יאָהר אין פאַר אַ יאָהרען האָסט די מיר דאָס זעלבע דערציילט אין איך האָב דיר אַלע מאָהל גיגעבין געלט אין לסוף איז אַלעס געבליבען אַזוי ווי פריהער אין וואָס וועט וועט זיין די פעולה אַז איך וועל דיר אַ צינד ווידער געבין געלט אויב די פאַרניצט דאָס געלט אויף עפיס אַנדערשט. דער מבקש האָט זיך פאַרענטפערט דאָס אַבוואָהל אין דער ווירקליכקייט איז דער רבי גירעכט. אָבער ער איז נישט אויסען גיווען דער מיט קיין שווינדעל אויס צו נאַרין ביים רבי'ן געלט. נאָר ווייל ער וואָלט געוואָלט אַ שידוך טוהן דאָס עס זאָל נישט זיין קיין אום כבוד פאַר זיין זיידען דער הייליגער רבי ר' אלימלך האָט ער מיט אַזוי ווינציג געלד וואָס דער רבי האָט איהם גיגעבין נישט גיקענט קומין צו קיין לייטישען שידוך אין דע ווייל דורך

דורך דעם גרויסען אָרימקייט וואָס הערשט ביי איהם אין שטוב האָט ער יעדען יאָהר דאָס געלט אויפגיגעסען. אין דער אמת ווייסט ער אַליין נישט וואָס פאַר אַן עצה זיך צו געבען. ווייל עס מוז דאָך שוין איינמאָהל אַ סוף נעמין ווייל זיין טאָכטער ווערט דאָך אַלע יאָהר נישט יונגער. אין דרובער אַזוי ווי ער בעט ביים רבי׳ן אַנדבה בעט ער אויך גלייכ־צייטיג איין עצה וואָס ער זאָל טוהן. דער רבי האָט איהם גיענטפערט אויב די מיינסט טאַקע דיינע ווערטער ערינסט זאָג מיר נאָר. צו מען שלאָגט דיר עפּיס פאָהר שידוכים פאַר דיין טאָכטער ווענגען אין ווי פיעל פערלאַנגט מען פון דיר נדן. האָט דער יוד גיענטפערט דאָס אַהער פאָהרענדיג האָט מען איהם טאַקע אָנגעשלאָגען זייער אַ גוטען שידוך פון אַ מיוחסדיגע משפחה אין דער חתן אַליין קען גוט לערנען אין איז אַגרויסער ירא שמים. נאָר מען פערלאַנגט פון איהם צוועלף הינדערט קראָהן אין אַ ש״ס פאַר אַ מתנה. אין אַ צינד מלבושים פאַר דער כלה׳ס וועגען אין זיין בני בית אַליין קענען אויך אַזוי נישט זיין אויף דער חתונה אין אַנדערע צורכי חתונה ווי אויך לפּחות עטליכע חדשים דעם פּאָהר פּאָלק צו געבען קעסט דאַרף ער אויך צו האָבען אַ צוועלף הינדערט קראָהן. האָט איהם דער רבי געזאָגט אַ צינד האָב איך פון דיר הנאה ווייל די האָסט מיר געזאָגט דעם גאַנצען אמת. אין אַ צינד גייא אַרויס אין פאָדער שטוב אין זאָג דעם משמש ער זאָל געוואָהר ווערען צו עס איז עפּיס דאָה רייכע חסידים אויף די סטאַנציע וואָס מען זאָל קענען ביי זיי ־־יזהערע הלוואה. דער יוד איז באַלד אַרויס געגאַנגען אין האָ־ געזאָגט דעם משמש. אין אַ וויילע אַרום איז דער משמש צוריק געקומען מיט אַ דערפרעהנדיגע תשובה דאָס עס איז געקומען צוויי אונגאַרישע גבירים. דער רבי האָט פונקט געהאַלטען ביים שניידען זיך די נעגעל פון דער רעכטער האַנד. האָט ער זיך תיכף געוואַשען די הענד אין איז אַרויס. געלאָפען אויף דער גאַס אין נעהייסען זיך אָנווייזען די סטאַנציע ווי די צוויי אונגאַרישע יודען זענען גיוועזין אין ער האָט זיך ביי זיי געליגען צוויי טויזענד מיט פינף הינדערט קראָהן אין ער האָט דעם יוד גיגעבין. אָנווינטשענדיג איהם ער זאָל האָבען נחת פון דעם פּאָהר פאָלק. אין דער נאָך האָט ער הערשט זיך גענומען אָבשניידען די נעגעל פון דער לינקער האַנד:

אין פאַרקערט ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען זיינע קינדער אין אייניקלעך האָט ער נישט זייא געוואָלט געבען. אַזוי איז איינמאָהל געקומען

געקומען זיין זוהן דער רבי ר' ברוך וואס ער איז דאמאלסט גיוועזען גארליצער רב. אין האט זיך פאר איהם זייער מתנצל גיוועזען דאס ער דארף אשידוך טהון מיט זיין טאכטער און דאס רבנות איז נישט מספיק אויף קיין נדן צו געבען דרובער זאל איהם דער פאטער בייהילפיג זיין. האט איהם דער רבי גיענטפערט דאס ער האט היינט נישט קיין געלט. דער רבי ר' ברוך האט געווארט עטליכע טעג ביים פאטער אין צאנז אפשר וועט עפיס אונטער קומען געלט אין וויא גרויס איז זיין שמחה געווארען ווען ער האט זיך דערוואוסט דאס עס איז טאקע אהנגעקומען עטליכע רייכע חסידים און ער איז געוואהר געווארען דאס דער רבי האט בייא זייא גענומען פיעל געלט אויף הכנסת כלה. דאה האט ער גירעכינט אז דער פאטער האט טאקע מיט דעם געלט געמיינט פאר זיינעט וועגען: אבער ווי באהר דיא גבירים זענען אוועק געגאנגען האט דער רבי געשיקט רופען איינעם אנארימאן וועלכער האט געדארפען חתונה צו מאכען עטליכע טעכטער אין ער האט איהם דאס געלט אוועק-גיגעבען ער זאל האבען אויף הוצאות אין נדנים פאר זיינע טעכטער וועגען. דערנאך ווי דער ר' ברוך איז אריין געגאנגען צום פאטער אין איהם גיזאגט אז ער זאל איהם אצינד געבען אויף נדן פאר זיין טאכטער וועגען פון דעם געלט וואס ער האט היינט גענומען בייא דיא גבירים וואס זענען ביי איהם גיוועזען האט איהם דער רבי גיענטפערט אז ער האט דאס געלט שוין אוועק גיגעבען צו יענעם ארימאן וועלכער דארף עטליכע טעכטער חתונה צו מאכען. האט דער רבי ר' ברוך אנגעהויבען צו וויינען היתכן יענער ארימאן איז מעהר יחסן פון מיר איך דארף דאך אויך חתונה צו מאכען וואלט ער מיט איין טאכטער גיוועזען נאך אביסעל געווארט. אין דיא וואלסט מיר אויך גיוועזען גיגעבען עפיס געלט. דרויף האט איהם דער רבי גיענטפערט גאנץ פשוט דיין קשיא אליין איז א תירוץ וויל דיא ביסט טאקע אמיוחס אין וויא די וועסט קומען אין דיא וועסט זאגען אז דיא דארפסט געלט חתונה צו מאכען וועט מען דיר אנטקעגען טראגען. אבער דער ארימאן וואס איז נישט קיין מיוחס אויב איך וועל איהם נישט ראטיווען ווער וועט זיך פעראינטערעסירען מיט זיין גורל דרובער האב איך איהם געמוזט געבען פאר אלע טעכטער וואס ער דארף אצונד חתונה מאכען:

איינמאהל איז צו איהם אריין געקומען איודענע וועלכע האט געהאט א שטעלע אין מארק מיט ליינוואנד אין פון דעם האט זיא זיך מיט איהר בני בית מפרנס גיוועזען. אין איהר מאן איז גיזעסען

אין

אין גילערינגס יומם ולילה. אין האָט זייער שטארק געוויינט דאָס מען האָט זיא בעגנבעט אין דער בודקצ וואָס זיא האָט געהאלטען דיא סחורה אין מען האָט איהר נישט איבער געלאָזט אפילו איין שטיקעל סחורה. אין זי האָט נישט קיין געלט צו קויפען קיין אַנדערע סחורה. האָט זיא דער רבי גיפרעגט וויפיעל דיא סחורה האָט אָנגעטראָפען האָט זיא איהם געזאָגט. דער רבי האָט באַלד אַרויס גענומען דיא גאַנצע סומע און ער האָט דער פרויא גיגעבען. אָבער דיא פרויא האָט זיך אָבגעזאָגט דאָס געלט צו נעמען ערקלערענדיג דאָס זיא האָט איהר גאַנץ לעבען פון קיינעם נישט גענימען קיין צדקה נאָר דער רבי זאָל פאר איהר מתפלל זיין דאָס דיא גניבה זאָל געפינען ווערען האָט איהר דער רבי געזאָגט איך האָב דיין סחורה נישט געגנבעט נאָר פרוב גייא אויף דער טאַרנער גאַס אפשר וועסטו עפּיס געוואָהר ווערען וועגען דיין סחורה. דיא פרוי איז באַלד בעגאַנגען אויף דער טאַרנער גאַס אין אַזוי גייענדיג איז צו איהר צו געקומען אייגער מיט אַזעקעל סחורה אין האָט זיא גיפרעגט אפשר וועט זיא קויפען ביליג ליינוואַנד זיא האָט באַלד פאַרשטאַנען אַז דאָס האָט דער רבי געמיינט מיט דעם וואָס ער האָט זיא געשיקט אויף דער טאַרנער גאַס. אין זיא האָט זיך געהייסען ווייזען דיא סחורה אין וועלכער זי האָט באַלד טאַקע דערקענט איהר אייגענע סחורה. האָט זיא איהם גיפרעגט צו ער האָט נאָך פון אַזעלכע סחורות ווייל זי קען בייא איהם אָבקויפען אסאך סחורה. דער גנב האָט איהם דערציילט ווי ער האָט דיא רעשט סחורה אין זיא האָט תיכף באַמאָלדען דער פאָליצייא ווי מען האָט אַדורך געפיהרט אַגנויע רעוויזיע אין דעם גנב׳ס וואָהן אָרט אין אָבגענומען איהר גאַנצע סחורה ווי אויך פיעל אַנדערע גנבישע סחורות מען האָט איהר דיא גאַנצע סחורה אָב גיגעבען. אין זי איז צוריק געקומען צום רבין איהם זאָגען דיא בשורה אַז זיא האָט צוריק אָבגענומען דיא גאַנצע סחורה:

דער ראַדאָמסקער רבי זכרונה לברכה וועלכער פלעג ט אַלע יאָהר אין דער ספירה צייט קומען אויף צווייא שבתים קיין צאַנז. האָט ער איינמאָהל גיזעהן דאָס מען האָט דעם רבי׳ן גיגעבען צום קידוש מאַכען אַגייעם בעכער פון ריין גאָלד אין פון אינטען אַטעציל אויך פון ריינעם גאָלד ביידע זענען גיוועזען פון זייער אַשיינעם סיסטעם. נאָך דעם קידוש האָט דער ראַדאָמסקער רבי גענומען דעם בעכער צו באַקוקען האָט איהם דער רבי געזאָגט דאָס דעם בעכער האָט געלאָזט מאַכען איינער איונגערמאַן

איזנגערמאַן וועלכער איז געשטאָרבען אָהן קינדער ר״ל כדי ער זאָל זיין אין רבינ׳ס זכרון בשעת דעם קידוש מאַכען. דאָס צווייטע יאָהר ווען דער ראָדאָמסקער רבי איז ווידער געקומען קיין צאַנז האָט ער שוין דעם בעכער נישט גיזעהן. נאָר דער רבי האָט קידוש געמאַכט ביי אזילבערנעם בעכער אַגאַנץ אלטען. האָט דער ראָדאָמסקער רבי זיך גיפרעגט ביים רבינ׳ס קינדער וויא איז אַהין געקומען דער גילדענע בעכער וואָס ער האָט גיזעהן פאַר איאָהרען. האָט זיך דער רבי אָהנגערופען וואָס פרעגט ער. אוודאי וויא דער נייער גילדענער בעכער איז. איך האָב איהם פער משכונט אין הגם דער יונגערמאַן איז מיר שוין עטליכע מאָהל צו חלום געקומען מיט אפּראָטענציע פאַר וואָס איך מאַך נישט קיין קידוש ביא זיין בעכער. אָבער וואָס קען איך העלפען אז איך האָב קיין שום אָרט נישט וויא צו נעמען געלט דעם בעכער אויסצולייזען. אלא וועגען הידור מצוה. אנאָרימאַן זאָל האָבען חלות אָדער חאָטשע ברויט אויף שבת איז גלייכער. אזוי פלעגט ער אויך צו זאָגען דיא ערשטע נאַכט סוכות אריינקומענדיג אין זיין באַשיידענער סוכה. נאָכדעם וויא ער האָט ערב סוכות אסאַך הינדערטער רייגעש צו טיילט אויף צדקה. עס איז פערהאַנען רבנים וועלכע באַשיינען דיא סוכה מיט כל מיני אויסהענגעכצען. אין מיר דאַכט זיך אַז דאָס שענסטע באַשיינונג פון דער סוכה איז אַז מען זאָל באַזאָרגען אַנאָרימאַן ער זאָל אויך האָבען וואָס צו עסען אין סוכה. ער האָט אויך אמאָהל גיזאָגט אין בין אין מיין יוגעד געפאָהרען צו פיעל גוטע יודען מיך אָבלערנען פון זייא מדות טובות אין איך האָב טאַקע פיעל פון זייא גילערינט. נאָר ביא דעם רבי׳ן ר׳ הירש רימענאָווער זכרונו לברכה בין איך גיוועזען אין איך האָב מיך געוואָלט אָבלערנען איינע פון זיינע מדות טובות. אָבער עס איז מיר נישט געלונגען. נעמליך דער רבי ר׳ הירש פלעגט צו טיילען וויפיעל געלט ער האָט געהאַט אָרימע לייט אין ער האָט זיך גאָר נישט איבער געלאָזט. אין אַז ער האָט שוין נישט געהאַט וואָס צו טיילען איז ביא איהם גיוועזען די שמחה. גלייך וויא ער וואָלט געהאַט געטיילט אין איך אַז איך האָב נישט קיין געלט צו טיילען צדקה פאַלט פון מיר דאָס פלייש אראָב. דער זכות פון דיא הייליגע צדיקים זאָל אונז ביא שטיין מיר זאָלען זוכה זיין צו דער גאולה שלימה במהרה בימינו אמן:

# אַווינדערליכע ערצעהלונג פֿון דעם הייליגען צאַנזער רבין זכרונו לברכה.

דער גרויסער גביר ר׳ יעקב באַש וועלכער איז גיוועזען פֿון דיא מקורבים ביים הייליגען צאַנזער רבי׳ן איז איינמאָהל גיוועזען שבועות אין צאַנז עס איז דאַמאָלסט אויך גיוועזען נאָך עטליכע גרויסע גבירים. אין דער פֿריא פאַר מוסף איז דעם רבינס משמש צוגעקומען צו ר׳ יעקב׳ן אין איהם פאַרבעטען אין רבינ׳ס נאָמען אויף קידוש. זעלבסט פערשטענדליך אַז דאָס איז נישט ר׳ יעקב אַליין פאַר בעטען געוואָרען נאָר אויך אַנדערע גבירים. נאָכ׳ן דאַווינען זענען זייא אריין געגאַנגען צום רבי׳ן וויא זייא האָבען געטראָפען אָנגעקרייט אַ קידוש מיט פֿער־בייסעכץ אין איינגעמאַכץ. נאָר דער רבי איז נאָך נישט גיוועזען האָבען זייא צו געוואַרט ביז דער רבי איז אַריין געקומען פֿון דאַווינען. דער רבי האָט זייא געזאָגט אַ פריילעכען גוט יום טוב אין ער האָט זיך אויך אַנידער גיזעצט ביים טיש אין ער האָט זיך גיווענדעט צו דיא אַנוועזענדע גבירים. מיט דיא ווערטער. איהר ווייסט דאָך דאָס אין דיא יונגערע יאָהרען פלעג איך צו זאָגען אַלע שבועות נאָך דער מילכיגער סעודה אַ פשעטיל בחריפות נאָהר היינט אויף דער עלטער קען איך קיין שאַרפֿע פשעטליך נישט זאָגען. אין דרובער וועל איך פאַר אייך זאָגען אַקליין פשעטיל בקיצור נמרץ. היינו איך דאַרף תיכף נאָך יום טוב האָבען לפחות צוויי טויזענד קראָהן דרובעד וועל איך נישט קיין קידוש מאַכען ביז איהר וועט מיר דאָס געלט פערזיכערין צו געבען באַלד נאָך יום טוב אין איך גיי אַ צינד אַרויס כדי איהר זאָלט דאָס געלט צווישען זיך צו צוטיילען וויפיעל יעדער איינער זאָל געבען אין נישט וואַרטענדיג אויף קיין תשובה איז ער צוריק אַרויס געגאַנגען פֿון שטוב אַרויס זאָגענדיג דאָס ווען זיי וועלען האָבען זיך פֿערגלייכט מיט דער סומע וואָס יעדער וועט זיך מתחייב זיין צו געבען זאָל איינער פון זיי קומין צו וויסען טוהן וועט ער צוריק קומין קידוש מאַכען חאָטש צוויי טויזענד קראָהנען איז דאַמאָלסט גיוועזין פון די גרויסע סכומים אין אונגאַנצען זענען זיי גיוועזין פיער פערזאָן דאָך איז ביי זיי דעם רבינ׳ס פערלאַנג זייער טייער גיוועזען אין זיי האָבען תיכף דאָס געלט פערטיילט צווישען זיך אין זיי האָבען דאָס מודיע גיוועזין דעם רבי׳ן אַז זיי זענין שוין צווישען זיך אַ דורך

גיצקומין

געקומען וועגען די געפאָדאָרטע סומע אין תיכף נאָך יום טוב וועלען זיי אויסצאָהלען דעם רבי׳ן די צוויי טויזענד קראָהנען דאַמאָלסט איז דער רבי זייער אַ פרייליכער אַריין געקומען אין ער האָט קידוש געמאַכט אין אויך האָט ער געהייסען די גבירים קידוש מאַכען אין ער האָט זיי געזאָגט אַ סאַך דברי תורה פון רעם ענין וואָס די חז״ל האָבען אזוי פיעל געוואָרענט אויף דער מצוה פון הכנסת כלה. אין דער ביי זיי געזאָגט אַז די צוויי טויזענט קראָהנען וואָס ער האָט ביי זיי גענומען איז אויך גיוועזען פאַר איינעם וואָס ער האָט געדאַרפען חתונה צו מאַכען אַ טאָכטער אין עס האָט איהם צו גיפעהלט צום אויס פיהרען די חתונה די סוממע:

אין פונדעסט וועגען אַז זיין זוהן דער קשאַנאָווער רב איז געקומען צו איהם ער זאָל איהם אויפהעלפען ווייל ער דאַרף חתונה מאַכען אַ קינד אין ער איז דאָרטען אָבגיזעסען עטליכע וואָכען ביז עס איז געקומען רייכע חסידים וועלכעס זיי האָבען דעם רבי׳ן גיגעבין פיעל געלט. אין דער נאָך איז דער קשאַנאָווער רב אַריין געגאַנגען צום רבי׳ן זיך גיזעגינען אין נעמען ביי איהם געלט אויף הוצאות החתונה האָט איהם דער רבי גיענטפערט די ווייסט דאָך אַז עס שטייט אין פסוק יחטאך בצדקה פרוק. דאָס הייסט די זאָלסט דיין זינד אויסלייזען מיט צדקה געבען אָרימע לייט אין ווי איז נאָך דאָה אַ גרעסערער זינדיגער ווי איך. דרובער ווען עס איז פרוהער ביי מיר גיוועזען אַנ׳אייניקעל פון דעם רבי׳ן ר׳ אלימלך זכרונו לברכה האָב איך גענומען די פאָהר הונדערט רייניש וואָס איך האָב געהאַלטען פאַר דיינעט וועגען אין איך האָב זיי איהם אוועק גיגעבין. אין די וועסט פאָהרען קיין אונגאַרין וועט מען דאַרט דיך מכבד זיין אין מען וועט דיר געבען אויף צורכי חתונה בריוח גדול:

## אַ ווּנדערליכע ערצעהלונג פון דעם הייליגען צאַנזער זכרונו לברכה:

דער הייליגער רבי ר׳ חיים האַלבערשטאַם זכרונו לברכה איז גיוועזין באַוויסט פאַר אַ גרויסען בעל צדקה עס איז נישט צו באַשרייבען

קיין

קיין הונדערט חלק פון זיינע צדקות וועלכער אָרימאַן עָס האָט זיך נאָהר צו איהם גיוועגדעט איז ער פון איהם לעדיג נישט אַוועק געגאַנגען. פיעל אַלמנות מיט יתומים האָט ער אויס געהאַלטען מיט זייער גאַנצע באַדערפעניש. איבער הויפט איז עָר געניגט גיוועזין צו בני תורה. אין אַז אַנ׳אײדעלער יוד האָט זיך צו איהם געוואַנדען נאָך שטיצע האָט עָר קיין שום גבול נישט געהאַט נאָהר וויפיעל עָר האָט גערדאַרפען האָט עָר איהם געגעבין אפילו עס האָט זיך ביי איהם נישט געפינען קיין געלט האָט ער געשיקט צו זיינע מקורבים די גבירים אין זיך געבאָרגט ביי זיי. אין דעם אָרימאַן אַרויס צו העלפען פון זיין נויט. איינמאָהל איז ביים רבי׳ן גיזעסען זיין זוהן דער באַוויסטער גאון אין צדיק רבי יחזקאל׳ע שינאַווער זכרונו לברכה. אין זיי האָבען גֶעשמיעסט דברי תורה. גראַדע איז אַריין געקומען אַנ׳אײדעלער יוד אַ מלמד. וואָס ער פלעגט אַלע מאָהל נאָך דעם לערנען אַ ביסעל אַריין צו גיין צום רבי׳ן הערען אַ גוט וואָרט. דער מלמד האָט געהאַט אַ שידוך געטוהן מיט זיין טאָכטער אין עָס איז שוין גיוועזען קרוב דער זמן חתונה. האָט איהם דער רבי גיפרעגט ווען עָר רעכינט חתונה צו מאַכען. האָט דער מלמד גיענטפערט דאָס עָר ווייסט נישט. האָט איהם דער רבי גיפרעגט פאַר וואָס. האָט דער מלמד געזאָגט דאָס ער האָט נאָך נישט קיין געלט אויף קיין טלית אין אַ שטריימעל פאַר דעם חתן׳ס וועגען. דער מלמד פלעגט אַלע מאָהל צו באַקומין שטיצע פון דעם רבי׳ן אין ער האָט אויך אַ צינד גירעכינט דאָס דער רבי וועט איהם געבען אויף אַ טלית מיט אַ שטריימעל צו קויפען. האָט זיך אבער געטראָפען אַז דעם מלמד האָט שוין געהאַט געקויפט אַ טלית מיט אַ שטריימעל אין דער שינאַווער רבי איז געשטאַנען דערביי אין רבינ׳ס בית מדרש. דער הייליגער רבי ר׳ יחזקאל׳ע האָט נישט גיקענט פאַר-טראָגען דאָס אַזוי אַנ׳אײדעלער יוד זאָל מיט אַ גלייכגילטיגקייט זאָגען אַ ליגענט. אין ער האָט זיך אַרויס געכאַפּט מיט די ווערטער. טאַטע! עס ווינדערט מיך זייער דאָס אַ יוד זאָל אַזוי מיט אַ לייכטזיניקייט זאָגען אַ ליגענט איך בין דאָך אַליין מיט צוויי טעג פריהער געשטאַנען דער ביי אין בית מדרש ווי דער יוד האָט געקויפט ביי דעם קאָלומייער מוכר ספרים אַ טלית מיט אַ שטריימעל. דער מלמד איז זייער פארשעהמט געוואָהרען אין ער איז באַלד אַרויס געגאַנגען פון שטוב. וויא דער הייליגער צאַנזער האָט דערזעהן דאָס דער מלמד איז אַ פערשעהמטער אַרויס געגאַנגען פון שטוב. האָט ער זיך אָהנגעהויבען צו רייסען ביא

די

דיא האָר און געשריגען. ווייא איז מיר. דאָס די האָסט דעם יוד מבייש גיוועזען, אפשר האָט ער נאָהר געדינגען דעם טלית אין דעם שטריימעל אין ער האָט עס נישט גיקויפט ווייל ער האָט נישט געהאַט דערפאַר צו בעצאָהלען. אפילו גאָהר ער האָט יאָה דאָס שטריימעל געקויפט אפשר האָט ער נאָך געדאַרפען אויף אמלבוש פאַר זייבעט וועגען אָדער פאַר זיין בני בית וועגען. אין ער האָט זיך גישעהמט דאָס צו זאָגען חאָט ער געזאָגט דאָס ער דאַרף אַטלית מיט אשטריימעל. אין אַצונד ווי אַזוי וועסטו קומען אָב געבען אַדין וחשבון פאַר דעם בית דין של מעלה אויף דעם וואָס די האָסט געטוהן דיא האָסט אַ יוד מבייש גיוועזען. אין אַזוי האָט ער דעם שינאָווער רב אויס גירעכינט אַ צעטעל אַז דאָס גאַנצע גיהונם וועט פאַר איהם ווינציג זיין דער שינאָווער רב איז שטאַרק דערשראָקען געוואָהרען אין איז אַרויס געלאָפען זיכען דעם מלמד אין איהם איבער בעטען. ער האָט איהם נאָך געטראָפען אויף דער גאַסילעבען דעם בית מדרש. האָט ער איהם איבער גיבעטען דאָס ער האָט זיך נישט ווילענדיג אַרויס געחאַפט אין ער בעט איהם איבער. דער מלמד האָט אָבער נישט געוואָלט דער שינאָווער רב מוחל זיין גאָהר אין רבינ׳ס געגענוואַרט. זענען זייא ביידע צוריק געגאַנגען צום רבין. אין דער שינאָווער רב האָט דעם מלמד איבער גיבעטען. האָט דער רבי זיך אָהנגערופען צו דער מלמד. דיא זאָלסט דעם שינאַווער רב נישט מוחל זיין ביז ער וועט אויף זיך נעמען ער זאָל פאַר דיינעט וועגען קויפען אַטלית מיט אַשטריימעל אין אויסהאַלטען אַלע צורכי חתונה אַפאָדים אפילו זאָל נישט פעהלען. דער שינאַווער רב האָט דעם מלמד באַלד צו געזאָגט דאָס אַלעס צו בעזאָרגען אין דער מלמד האָט איהם מוחל גיוועזען בלב שלם. האָט דער רבי געהייסען אַריינברענגען לעקאַך אין בראָנפען אין ער האָט געזאָגט דעם מלמד דאָס אַזוי וויא אצונד האָט ער דאָך שוין קיין שום מניעה נישט פון קיין געלט. זאָל ער באַשטימען אַזמן חתונה און צו וויסען טהון דעם שינאָווער רב כדי ער זאָל אויך קענען זיין אויף דער החתונה. דער מלמד האָט זיך באַטראַכט אויף ווען עס איז מיגלעך צו באַשטומען דעם זמן חתונה אין ער האָט געזאָגט דעם רבין. אין מען האָט געטרונקען לעקאַך אין בראָנפען. דער רבי האָט געהייסען דעם מלמד צו מאָרגענס מאַכען אַגענויעם חשבון וויפיעל ער דאַרף צו האָבען אויף אַלע צוו״כי חתונה אין איידער דער שינאָווער רב פאָהרט אוועק קיין שינאָווע וועט ער איהם געבען דאָס גאַנצע געלט. דער מלמד איז אַפרעהליכער אַהיים געגאַנגען מיט אַחשבון

פון אַלע הוצאות החתונה וואָס ער דאַרף האָבען. אין דער שינאַוועֶר רב האָט איהם גיגעבען עד פרוטה אַחרונה. אין זיך מיט איהם גיזעגינט אַהנווינטשענדיג איהם דאָס ער זאָל זיך מיט איהם בקרוב זוכה זיין צו פרייען אויף זיין טאָכטערס חתונה. דער זכות פון דיא היילִיגע צדיקים זאָל אונז בייא שטעהן מיר זאָלען געהאָלפען וועֶרען מיט אַלעם גוטען אין מיר זאָלען זוכה זיין צו דער גאולה שלימה במהרה בימינו אמן:

# נאָך אַוואונדערליכע ערצעהלונג פון דעם היילִיגען צאַנזער רבין ר' חיים האַלבערשטאַם זכרונו לברכה.

איינמאָהל איז אין רישא שלאַף געוואָהרען איינער אַ גרויסער גביר אין דיא דאָקטורעס האָבען איהם געהייסען פאָהרען קיין וויען וויל זיין שלאַפקייט איז זייער גיפעהרליך. דער גביר איז באַלד אַוועק געפאָהרען קיין וויען אין ער האָט גערופען דיא גרעסטע ווינער פּראָפעסאָרען זייא האָבען געמאַכט אַקאָנסאַליע אין אַלע האָבען איינשטימיג אנערקענט דאָס דער גביר איז שלאַף אויף אַראַק ר"ל וואָס דאָס איז נישט דיא מעדיצינישע הילף אומשטאַנד צו היילען אין דרובער האָבען זייא דעם גביר מיאש גיוועזען ראַטענדיג וואָס שנעלער אַהיים צו פאָהרען כדי ער זאָל האָטש שטאַרבען אין זיין וואָהנאָרט. דער גביר איז טאַקע באַלד אַהיים געפאָהרען. אין ער האָט זיך אַנעצה געהאַלטען מיט איינעם פון זיינע פריינד וועלכער איז גיוועזען אַצאַנזער חסיד האָט ער איהם אַנעצה גיגעבען דאָס ער זאָל אָבשרייבען אַבריף צום היילִיגען צאַנזער רבי'ן אין איבערגעבין אַלעס וואָס דיא ווינער פּראָפעסאָרען האָבען איהם געזאָגט. און שרייבען דעם רבי'ן דאָס ער זאָל זיך אויסביטען וויפיעל געלט ער וויל. דער חסיד האָט איהם ערקלערט אַז פיעל מאָהל טרעפט זיך בייא דעם היילִיגען צאַנזער רבי'ן דאָס ער דאַרף אויף אַ גרויסע דבר מצוה אַסכום געלט אין ער האָט נישט קיין געלט קען מען דאַמאָלסט בייא איהם פּועלען דיא גרעסטע ישועה. דער גביר האָט תיכף אָבגעשריבען אַ בריף צום היילִיגען צאַנזער רבי'ן אין עס האָט איהם מצליח גיוועזען דאָס ער האָט פונקט געטראָפען דאָס דער רבי האָט גערדאַרפט טויזענט ריינעש פאַר אַ עני הגון ער

זאָל

זאָל קענען חתונה מאַכען אַ טאָכטער אָבער דער האָט מיט אַ וואָך פריער אוועק גיגעבען אַ צווייטען רבישען אייניקעל צוויא טויזנד ריינישען ער האָט דאַמאָלסט פאַרמשכונט אַלע זיינע ווערטפולע חפיצים. האָט ער אצונד דעם עני הגון נישט גיקענט קיין טובה טהין און דער רבי האָט דערפון שטאַרק עגמת נפש געהאַט. דערובער וויא ער האָט דערזעהן דעם גבירס בריף האָט ער גאָהר נישט גיקלערט און צוריק גיענטפערט דאָס אויב ער וועט שיקען טוזינט ריינעש וועט ער מיט השי״ת הילף זיכער האָבען אַ רפואה שלימה. וויא דער אָרימאַן איז אַריינגעקומען האָט איהם דער רבי געזאָגט אַ בשורה דאָס ער האָט שוין פאַר זיינעט וועגין דיא טויזנט ריינעש. דער אָרימאַן האָט אָבגיגעבן אַ שבח צו השי״ת וואָס ער וועט קענען זיין טאָכטער חתונה מאַכען אַזוי וויא פאַר זיינע מיוחס׳דיגע עלטערן פאַסט צו מיט אַ בחור אַ למדן און אַ ירא שמים. דער גביר האָט דעם בריף דערהאַלטען האָט ער באַלד אריין גערופען זיינע קינדער און זייא גהייסען אַ וועק שיקען תיכף קיין צאַנז דיא טויזענט ריינעש אַזוי וויא דער רבי פאַרלאַנגט. דעם גבירס קינדער זענען גיוועזען ריזינער חסידים און זייא זענען שוין פיעל מאָהל גיוועזען בייא דעם הייליגען ריזינער אָבער ער האָט זייא גאָהר נישט דרויף גיענטפערט. דרובער האָט זייא דיא זאַך אַביסעל גיערגערט דאָס זייער רבי וועלכער איז אַ בעוואָסטער צדיק זאָל גאָהר נישט קענען העלפען און דער צאַנזער רבי שרייבט מיט אזוכערקייט דאָס ער וועט מיט השי״ת הילף פאָלקאָם געזונד ווערען. האָבען זייא נישט געגלויבט און דער הבטחה. דערוייל זענען דיא צאַנזער חסידים דערפון געוואָהר געוואָהרען האָבען זייא מורא געהאַט טאָמער וועט ח״ו טאַקע נישט מקוים ווערען דעם רבינס הבטחה וועט דאָך ח״ו דערפון אַרויס קומען אַ חלול השם און זייא האָבען גירעכינט דאָס דעם גבירס קינדער וועלכע זענען ריזינער חסידים האָבען טאַקע דרובער באַלד גישיקט דיא טויזנט ריינעש אָבוואָהל עס איז דאַמאָלסט גיוועזען פון דיא גרויסע סומעס און דער וואָס האָט פאַרמאָגט טויזנט ריינעש איז גירעכינט גיוועזין פאַר אַ שטיקעל נגיד. נאָהר כדי זייא זאָלען שפּעטער קענען ח״ו ליצנות מאַכען פון צאַנזער רבין. אַלזא האָבען זייא תיכף נאָך געשריבען אַ בריף קיין צאַנז צום רבין דאָס דעם גבירס קינדער פאָרען קיין ריזין צום הייליגען רבין ר׳ ישראל׳טשע און זייא האָבען שוין עטליכע מאָהל מזכיר גיוועזען פאַר דעם הייליגען ריזינער און ער האָט זייא גאָר נישט גיענטפערט דרובער זאָל ער וויסען וואָס ער האָט צו טהון. דער בריף און דעם גבירס בריף מיט׳ן געלט

זענען

זײַנען צוזאַמען אָהנגעקומען צום רבין קיין צאַנז. דער אָבנעמער איז געװעזען דעם רבינס אײדעם ר׳ אליעזר ירוחם און ער פלעגט איבער געבען דעם רבין. און װיא ער האָט איבער געלײענט בײדע בריף האָט ער גאָהר נישט װיטענדיג געמאַכט זיך פון דיא חסידים׳ס בריף נאָהר ער האָט דעם רבין איבער גיגעבען דעם גביר׳ס בריף מיט דעם געלט. דער רבי האָט איהם באַלד צוריק גיגעבען דאָס געלט און געהײסען עס אָבשי־קען צום גביר קיין רײשא. און באַזונדער צו שרײַבען דעם גביר אַ בריף דאָס ער זאָל זיך גאָהר נישט שרעקען װײל מיט השי״ת הילף װעט ער האָבען אַ רפואה שלימה נאָהר דאָס געלד דאַרף ער נאָך נישט הערשט אַז דער גביר װעט פאַלקאָם געזונד װערען און װעט פאָהרען קײן װיען און דיא דאָרטיגע פראָפעסאָרען דיא זעלבע װאָס האָבען איהם מײאש גיװעזען װעלען איהם באַשטעטיגען דאָס ער איז פאָלקם געזונד קען ער צוריק פאָרענדיג זײן בײם רבין און ברענגען מיט זיך דיא טױזינט רײניש אָדער שיקען דאָס געלט אױף דער פאָסט. ר׳ אליעזר ירוחם איז געבליבען שטעהן דער שראָקען און ער האָט אַרױס גענומען דעם צװײ־טען בריף פון דיא רײשער חסידים און דערלאַנגט דעם רבין. דער רבי האָט איהם געזאָגט. טהו אַזױ װיא איך הײס דיך. דער גביר איז טאַקע פאָלקאָם געזונד געװאָהרען און ער האָט דאָס געלט געשיקט צום רבין. און עס איז דערפון גיװעזען אַ גרױסער קידוש השם. בײא דיא דאָקטױ־רים װעלכע האָבען אַנערקענט דאָס גרױסע נס װאָס השי״ת האָט געטהון דעם גביר און רבינס זכות. זײן זכות זאָל אונז בײא שטײן מיר זאָלען אױך געהאָלפען װערען מיט אַלעם גוטען אמן: